זיינע פירונגען. % זי נעמט זיך איבער ווי ב'הירשס
אן אייניקל.

1903 " ווער דען, [...] וועט דיך נעמען, דעם באראן הירשס
אן אייניקל?". שע.
ג.ב. אלע ווערק, נ"י 1944, ב' VII ג; ז' 218.

באראן שפּעל - ( לאקל, יעליסאוועטגראדער קרייז )
" א צונעמעניש פאר אן אומזיסטן בעל=גאווה, וואס
זיין מאמע פלעגט אנגיסן די שפּעלעך אין באד".
ש. וויסנבערג, פש I, 1926, ז' 81.

באראן דילער - ( לאקל, יעליסאוועטגראדער קרייז )
צונעמעניש פאר א גרויסן פאנטאזיאר". [ דצוו ].

רויבער=באראן -- דער, =עך. 1. אין מיטל=עלטער -
אן אדלמאן, וואס האט זיך פארנומען מיט רויב אויף די וועגן.

2. אין XIX טן-אנהייב XX י"ה - מאגנאט פון דער אינדוסטריע
( ספעציעל פון קוילן, שטאל אע.)

38 באר -

1965 " ערשט אין די לעצטע יארן האט מען אנגעהויבן איבערשאצן
די רויבער=באראנעץ און די ראלע פון די גרויסע אונטער-
נעמער אין דער געשיכטע פון לאנד ". באג, פאלק, VIII/28.

קוילן=באראן, שטאלבאראן ---> דפוו.

?נ? באראן -- דער, בא. ( כעם ) זאַלץ פון בארזייערס.

?נ? באראנאָוויטש -- דאס, בא. א שטאט אין מערב=
ווייסרוסלאנד.

27 ( שלש ) באראנאוויטשע זויפערס און פרעסערס | קטוו |.

באראַניאַק -- דער, =עס. "אן ארבעטספערד פאר
פעלדארבעט מיט אן אונטער געשניטענעם עק ( א סגולה
קעגן אנקלייבן בלאטע אויף אים )". | קטוו | .

באַ: ניטא ניט אין פוילישן ניט אין אוקראינישן ווב.

?נ? באראַנינע - די, בא. 1.(רוסיש, נא) שעפּסנפלייש.

2. מצ =ס. דזוו באראניצע.

פּפ) באראניצע.

באראניצע - ד, =ס. זן באראנינע.

שעפסנפעל מיט דער וואל, געדינט איינצודעקן ווינטער
די פיס אונטערוועגנס. % דער בעל=עגלה האט צוגעדעקט
די פיס פון זייך פארשויך מיט אן אויסגעריבענער
באראניצע.

1916 " אין הויף איז געשטאנען גרייט פונעם לערערס וועגן א שליטן [...] און א ווארעמע 'באראניצע' אויף איינצודעקן די פיס ". שע, פונ'ם יאריד, 1224
פֿ.3 אַלע ווערק, נ"י 1944, ב' III, ז' 224.

1939 " ביידע שוועסטער זייַנען געזעסן איינגעקוטעט אין פוטערס [...] מיט א שווערער באראניצע אויף די פיס". מ. אראנסקי, אין פריידן און ליידן, קיעוו.

1957 " [...] האט דער קוטשער געהאלטן אין בייַדע הענט די באראנינע און געווארט מיט הכנעה דער ~~קפעץ~~ קופּעץ זאל זיך ארייַנזעצן אין שליטעלע, ער זאל אים איינדעקן די פיס ". מ. שעליובסקי, אין דער וועלט אריין, ז' 219.

באראניק -- דער, מצ באראנקעס. 1. א פעלצל פון שעפסנפעל מיט דער וואל. % דער פויער גייט אנגעטאן א קורצן באראניק.

2. א פאס פון שעפסנפעל. % דער קאלנער און די ארבל פון מאנטל זייַנען באזוימט מיט באראניק.

1866 " אויף דעם קאפ מוז ער טראגן איינע געווענטענע היטל באלייגט מיט א שמאלן באראניק". אמד, עשרת השבטים, ווילנא, ז' 8.

1922 " [...] טיפע קאלאשן מיט ווייסע באראנקעס געזוימט". ייז, פערל [...] ווארשע, ז' 19.

באראנע -- די, =ס. פּפּ בראנע. מכשיר צו ערדארבעט, באשטייט פון אן אייזערנער אדער הילצערנער נעץ מיט אייזערנע ציין געווענדט אויף אראפ; נאכן צעאקערן דאס פעלד, גייט מען עס איבער מיט דער באראנע, וואס צעברעקלט, דעם באדן; די באראנע דינט אויף צום פארדעקן מיט ערד דעם פארזיי. % די שארפע ציין פון דער באראנע צעקרישלען די גראבע ערדשטיקער נאכן אקערן.

1939 " ער האט זיך געקליבן צו פֿאָרן אין דער קוזניע אונטערקאָווען דעם אַקער און פֿאַרריכטן די באַראָנע".
נאטע לוריע, דער לעצטער אוניווידואליסט, קיעוו.

באַראָנעווען -- טרוו. פּפּ בּראָנעוועט.
צעברעקלען מיט דער באַראָנע, ווייך מאַכן די ערד, וואס ווערט אויפגעשניטן מיטן אקער. % דער פויער האט שוין פאראקערט זיין פעלד, איצט דארף מען עס באַראָנעווען. מע טאר נישט פארזאמען מיטן באַראָנעווען דעם באָדן, ווייל ער ווערט טרוקן.

1972 " און דאן איז ערשט געקומען די יערלעכע ארבעט פון גראָבן, באַראָנעווען, זייען און יעטן".
י. ראכלין, פֿאָר, XII/9.

באַראַנצע ( טראָגן) ----> באַראַן, באַראַנטשיק (טראגן).

באַראַנקאָווע -- אדי ----> באַראַנקען(ע).

באַראַנק(ע)ן -- אַדי. פּפּ באַראַנקאָווע. וואס איז פון שעפסן=פוטער, פון קאראקול. % ער טראגט א באַראַנקענע קוטשמע. דער סוחר גייט אין א לאנגן באַראַנקענעם פעלץ.

1866 " זעלבסט דער גרויסער גביר |...| טאר זיך ניט ווייזן אין גאס [...] מיט דער באַראַנקענער שטריימעלע".
אמד, עשרת השבטים, ווילנא, ז' 8.

1920 " דער שווארצער בערל גייט שוין אנגעטאן דעם ברוינעם באראנקאווע פאלטא". ע. ווארשאווסקי, שמוגלארס, צים אנט, ז' 242.

1926 " |...| זענען געזעסן אין די באראנקענע קאנפעדעראטקעס עטלעכע אדיוטאנטן ". אפא, 1863, ז' 173.

ב א ר א נ ק ע -- די, =ס. ( רוסיצ, נא ) 1. א בייגל,

2. א קערעווע=רעדל פון אן אויטא. < R: БАРАНКА.

1961 " איך זיץ ביי דער באראנקע און צי דערווייל דאס פעדעמל פון מיינע מחשבות ". א. גובניצקי, זש' סאוו' היימלאנד, נ' 2, ז' 71.

ב א ר א ס -- | דער? =ן?| ( זאאל ) " א פלאכער בריימער פיש מיט " גאלדענע" שופן, וואס לעבט אויך אין סאזשלקעס און פלאכע וואסערן "ע [ קטוו ].

באם: ביי סטוטש דאס בארש, אבער ניט באראס; אפשר טעות - קאראס?

ם [ באראסטן ] ב ר ש ט י ן - אוטוו. RESTEN, RASTEN מהד אויסלעשן זיך.

1508 " ידעך ברשטט, י"א ורלושט, ל' דועכו ראש קוצים". רייכלין 8, תהילים, קיח, יב. [ תי: ויינען פארלאשן געווארן ].

ב א ר א ס ע ן -- טרוו. באדעקן מיט ראסע(טוי).

[ לז, 2, סטוטש 223 ].

באראסקאפ -- דער, =ן. (פיזיק) מכשיר נאכצופארשן די ענדערונגען אין לופטדרוק. [טערמינאלאגיע פיזיק, E, זש' די נייע שול, ווילנע, 1920].

(?נ?)

באראציט -- דער, =ן. (כעם) מינעראל, טאפלזאלץ פון כלאריקן און בארזויערן מאגנעזיום, ווערט געניצט אויסצואַרבעטן בורע און באר=פרעפאראטן. | טערמינאלאגיע כעמיע, ווילנע 1921 |.

(?נ?)

באראצן זיך -- אומ. 1. (שש) באסמאַרקען זיך, באדעקן זיך מיט אויסשייד פון נאז.

2. (פיג) באנארישן זיך.

1936 " צוגערופן דעם אדיוטאנט זיינעם באפעלעריש פונקט ווי ער וואלט פריער נישט אזוי ווייבעריש זיך באראצט אין זייך קעגנווארט ". ייז, ברידער אשכנזי, ווארשע, ז' 588.

באראק -- דער, =ן / =עס (זו) F. איינשטאקיקער לאנגער בנין, ס'רוב פון האלץ, באשטימט פאר קאזארמעס, סחורה-לאגערן ( סקלאדן ), עווענטועל פאר צייטווייליקער באוווינונג; א סך געניצט פאר די פארשפארטע אין די דייטשע קאנצענטראציע=לאגערן. % די בויערס פון דער נייער באן=ליניע ווינען נאך אין די באראקן.
די ווענט פון באראק זיינען פון ניט=געהובלעוועטע ברעטער. ~~די נייע עולים האט מען צייטווייליק באזעצט אין גרויסע באראקן.~~ דאס ערשטע, וואס מען האט די לאגערניקעס געהייסן טאן, איז בויען פאר זיך באראקן.

באר - 21.

43

1873 " [...] אם יש אופן להתיר לישראל השוכרים
הבאראקען להפועלים העובדים לעשות דרך ברזל המבקשים 323
לקנות בשר חזיר וכדומה". הרב חיים סופר ממונקאטש,
שו"ת מעונה חיים ". חלק שני, יורה דעה, שאלה
כ"ו, מונקאטש, דף מ"ו/1.

... " עס איז שוין אפילו געקומען א פריקאז מען זאל
אויפשטעלן א באראק פאר קראנקע אויף באליערע". 324
פרץ, בשעת מגפה, ציט אויסג.. ז' 66.

1938 " [...] איך אנהייב איז מען געווען אין קאנצלאגער
צוואנציק טויזנט מאן אין באראקעס ". ב. לוריע, 334
עליעיארש", בערדיטשעוו.

1970/71 " דערווייל האט מען אויפגעשטעלט די באראקן
פאר די שקלאפן=ארבעטער און יעדער האט געדארפט 338
ארייננטראגן א שטרויזאק אין באראק אריין ". א. ראזענטאל,
יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 355.

=יש -- אדי. וואס איז ( ווי ) פון א באראק.

1920 " |...|"ס'באראקישע לעבן " לאנגערמאן, די מלחמה, 340
וויך.

=ניק -- דער, =עס. איינוווינער פון באראק.

1959 " א העלפט פון די באראקניקעס מוזן שלאפן אויף
דער ערד.". הל, אויף צארישער קאטארגע, ת"א, ז' 291. 344

באראק ! -- דער, בא. פפ באראקא. סטיל אין
דער קונסט אין דער תקופה פון מיטן XVIII י"ה, כאראק-
טעריזירט זיך מיט דער גוזמאדיקער דעקאראטיווקייט,
פראכט און פילפארביקייט אין דער פלאסטיק און ארכיטע-
קטור; אין דער ליטעראטור - שפע פון רעטארישע פיגורן
און פארמעלע גלאנץ עפעקטן. % באראקסטיל,
באראקזייל. דער קלויסטער איז געבויט אין באראקא.

1962 " דער סטיל פון ארון קודש איז א קאמבינירטער. דער

363 נוסח איז באראק, מיט רענעסאנס=ארנאמענטן אין א יידישער

אינטערפרעטאציע ". ש. פארבער, העיירה בלהבות,

ספר זכרון קהלת אולקניק, ת"א, ז׳ 226.

באראק II -- דער, =ן. מין פערל.

1958 " דער פערל פארמאגט צופיל קאלסיום; דער איז פון

364 דער נידעריקער קאטעגאריע, וואס הייסט " באראק ".

ה. אקערמאן, טאג 13.XII.

באראקא --- ----> באראק I.

באראקאן - דער, =עס. (עלט) האריקער טעקסטילשטאף,

געמיש פון לייַן און באַנוול; געניצט אויך צו באדעקן

מעבל.

1868 " [...] לייוונטענע סחורות אלער ארט, טישטעכער

פארביקע, באראקאנעס [...] ". קמ נ׳ 12, I, 96.

באמ: דזוו באַרכאַן/בארכע?

באראקודא -- די, =ס. (אמ) ים=וואלף

אדער ים=העכט.

1958 " די באראקודא איז א ים=העכט און ווערט טאקע

[?] גערופן אין עברית ׳ זאב הים׳ ". ש. בן=ישראל,

פאר, I/15.

1924 " BARRACUDA - שפיזהעכט, אזא גרויסער פיש

אין די וועסטאינדישע וואסערן ". ענצווער.

באַראַקס -- דער, באַ. (כעם) מינעראַל, אומקאָליריק אָדער גרינלעך, גענוצט ביים שווייסעווען מעטאַלן, ביים אויסאַרבעטן גלאַז, אין גאַרבעריַי א"א. [סטוטש 427, טערמינאָלאָגיע כעמיע, ווילנע, 1921; פּווב, כאַרקאָוו, 1923].

1900 " פלעקן פון אייבסט [אויפּס], פּרוכט אָדער פון זאַפט |...| אויסוואַשן אין זייפן=וואַסער, אין באַראַקס [...]". ש. שפּירא, קליידער=פאַרבעריי, וואַרשע, ז' 35.

1925 " די פלעשלעך [...] מוז מען נאָך יעדן עסן גוט רייניקן, [...] צום וואַסער לייגט מען צו אַ שפּיץ מעסער מיט באַראַקס אָדער מיט טרינקסאָדע ". ד"ר ריטער, פגעז, ווילנע, נ' 8.

באַראַשונג -- דאָס/די, =ען. איבעראַשונג, פלוצעמדיקע און שטאַרקע פאַרוווּנדערונג.

1921 " נאָכן ערשטן באַראַשונג האָט דער יונג געפּרוווט די האַנט ווייטער צו שיקן ". אש, עס האָט זיך ניט געלוינט, ז' 55.

........................................................

באַם: גרייז פון איבעבראַשונג? דערציילונג - אין וואָסער בוך? זען דעם גאַנצן טעקסט.

........................................................

באַראַשן -- טרוו. (פטמ) איבעראַשן, פאַרוווּנדערן.

1893 " פריער מיט עטלעכע מינוט האָב איך געקלערט צו באַראַשן מיינע חברים אין חדר מיט מיין בידנע פיאַטאַק [פינפער=מטבע]". בן=עמי, די ערשטע נאַכט פון חנוכה, אָדעס, תרנ"ג

באר - 

באראשעק -- דער, מצ באראשקעס. --> באראשקע.

באראשקאווע -- אדי. ----> באראשק(ע)ן.

באראשקע -- די, =ס. פֿפּ באראשיק/באראשעק.
פוטער, אויסגעארבעט פון דער פעל פון א באראַן,
שעפּס; קאראקול (געניצט אויך פאר קינסטלעכן) פוטער
וואס זעט אויס ווי קאראקול).

1951 " |...| געקרײַזלט ווי גרויע באראשקע ".
זש, שקלאָווער קינדער, נ"י, ז' 234.

באראשק(ע)ן -- אדי. פֿפּ (זן) באראשקאָווע.
פון באראשקע (פון שעפּסן=פוטער, פון קאראקול).
% דער באראשקענער קאָלנער פּאַסט גוט צו דעם מאנטל.
דער פויער טראגט אַן אפגעקראכן באראשק(ע)ן קוטשמעלע.
מיידלעך פלעגן א מאל טראגן ווינטער באראשקענע
מופטעס אפצוהיטן די הענט פאר דער קעלט.

"1910.. האט גאט מזכה געווען רב יוזיפלעך מיט
385 א נפש |...| אין א באראשקענעם פעלץ, איז ער געווען
בייז |...| און געהאלטן אין איין שפייען". שע,
אלט - ניי - כתרילעווקע, נשרפים,
ז' 35.
1920 " אונטער דעם שייטער זיינען געשטאנען צוויי
387 יונגעלייט אין גרויסע באראשקענע פּאַפּאַכעס ".
סעב, פון רוסלאנד - צעבראכענע זיילן, ווארשע, ז' 25.

באר - .48

193? " א באַראָשקאַווע היטל [...]". זש, שקלאָווער

382 יידן, ז' .209

1969 " און עס קומען קוטשמאַנעס מיט זייערע קוטשמעס,

392 באַראָשקענע, פּראָסטע קוטשמעס און קאַראַקולענע ".

ה. אקערמאן, תמוז, VII/19.

באר - 48

~~באר~~

ב אָ ר ב אָ ל י ע -- די, -ס. ----> באראבאָליע.

ב אָ ר ב אָ ס -- דער, -ן. 1. הויפּהונט. % דער באַרבאָס איז ניט אַזאַ שיינער הונט, אָבער אַ גוטער שומר. דער באַרבאָס האַוקעט און יאָגט זיך נאָך דער קאַץ אין הויף.

2. (פיג.) "א בייזער מענטש". % אַ מענטש איז ער? - א באַרבאָס איז ער, באַלד וועט ער נאָך נעמען בילן אויף! / קסח /.

3. (פיג.) "אומגלומפּערטע בריאה, טעמפּער, תם". % "קוקט אים אָן דעם באַרבאָס -- צו וואָס ער רירט זיך צו, צעברעכט ער" / קסח /.

(פֿון בעריבאָ...) דן -קע -- דעק? -ס. פקפ, ב 1.

1910 "דעם קוגל האָט אויסגעלאָטכנט סאַקע ער, מיין באַרבאָסקע". פרוג, ..., ב"י, ז 75.

ב א ר ב א ר -- דער, -ן. 1. ווילדער, פרימיטיווער מענטש, אנגעהע-
ריקער צו אן אומציוויליזירטן פאלק. (די אנטיקע רוימער האבן מיט
דעם ווארט באצייכנט די פעלקער, וואס האבן ניט געהערט צו דער גרי-
כיש-רוימישער קולטור, אפילו אלע אויסלענדער). % רוים איז
געפאלן אונטערן דראנג פון די בארבארן פון צפון-און מזרח-איי-
ראפע. פארשערס טרעפן זיך נאך אן אויף שבטים פון בארבארן
אין די דזשאנגלען פון דער אמאזאנע.

1920 "מענטשן זעען דאס און זאגן: בארבארן, ווילדע אונציוויליזירטע האבונעס -- זיך צו שלאגן איבער קאנקורענץ".
ווינטש ז, [....] ז' 65.

1930 "איר העצט אלע בארבארן קעגן אונדז, איר העצט די שקלא-
פן אקעגן די פרייע, דעם פעבל קעגן די הערן". יט, קאזע-
פוס פלאוויוס, ציט אנט, ז' 372.

1953 "ווען דער אנטיקער גריך האט באצייכנט אלע אנדערע פעלקער
אלס בארבארן [...] האט ער דערמיט באטאנט, אז ער איז דער
איינציקער, וואס איז מסוגל געווען צו שאפן א ווערטפולע צי-
ווילידאציע". גרינ, יד און וועלט ז, נ"י.

1973 "אין דער צייט פון צווייטן חורבן האט שוין יאזעפוס פלאוויוס
אנגעשריבן: [...] ס'איז ניטא קיין שטאט, ניט ביי די העלענע
און ניט ביי די בארבארן [...] וואוהין ס'זאלן ניט האבן
אריינגעדרונגען [...] א סך אונדזערע דינים וועגן עסן".
מווג ז, נ"י, ז' 51.

2. צעשטערער, מענטש וואס איז גורם פארוויסטונג, חורבן, וואס האט
ניט קיין דרך-ארץ פאר קולטור-ווערטן. % די בארבארן הא-
בן חרוב געמאכט דאס לאנד, געברענט שטעט און דערפער. די דייטשישע
בארבארן האבן געברענט ביכער פון די גרעסטע שרייבערס.

1893 "עס זיינד אבער באלד געקומען פילע בארבארן דאס הויז צו
פליינדערן". י.מ. באדער, היינריך, לעמבערג.

3. שלעכטהארציקער, ברוטאלער מענטש, אכזר. % מעשים פון בארבארן.
היטלערס בארבארן האבן געהרגעט קינדער פאר די אויגן פון זייערע
מוטערס.

1926 "פֿריִען און קינדער קומען אום פֿון אַלערליי באַרבאַרן אויף דעם אַכזריותדיקסטן אופֿן". ספּ,סודות,וואַרשע.

1954 "שווער איבערצוגעבן דעם שוידערלעכן איינדרוק,וואָס האָט געמאַכט די ידיעה,אַז די דײַטשע באַרבאַרן דאַרפֿן איבערנעמען די שטאָט". א.גאָלדמאַן,יזכּר כעלעם,יאָהאַנעסבורג,ז׳ 643.

**זן** ־ידירן -- טרוו. צוריקברענגען צו אַ פּרימיטיוון,אומציווילידירטן צושטאַנד; גורם זײַן צו פֿאַרווילדונג,אַכזריות. % די נאַציס האָבן געשטרעבט צו באַרבאַרידירן גאַנץ מזרח־אייראָפּע,האָבן זיי געשלאָסן אוניווערסיטעטן און שולן.

1920 "איז דאָס ניט אידיאָטסטווע צו ציוויליזירן אַפֿריקע און באַרבאַרידירן אייראָפּע?" ווינטש,I,ז׳ 255.

1957 "זיי האָבן דעם אַנטיסעמיטיזם נאָך מער באַרבאַרידירט".
יג,צ׳ טמז, /II/12.

־יע -- די,בא. דזוו באַרבאַריזם.

1949 "דאָס איז דער אומקער צו אַ נײַער תקופֿה פֿון באַרבאַריע". ר.ראָקער,נאַציאָנאַליזם און קולטור,ב"א,ז׳ 14.

**באַרבאַרי** = **מאַלפּע** -- די,ס /סטוטש 247/. מין מאַלפּע,אָן עק,צײַכנט זיך אויס מיט גרויסער פֿאַרשטאַנדיקייט.

/דאָ צײַכענונג אין ענצוער,ז 102/

באר־

51

באַרבאַריזם -- דער, ־ען. 1. באַ. אומציוויליזירטקייט, מאַנגל פֿון קולטור, אָפּגעשטאַנענקייט.

1912 "מיר לעבן איצטער ניט אין דער צײַט פֿון באַרבאַריזם. מיר זײַנען ארומגערינגלט מיט אַן אַטמאָספֿערע פֿון ציוויליזאַציע און קולטור". דשיס, שריפֿטן, נ"י, ז' 112.

1970 "די פֿאָן פֿון קולטור און פֿון קאַמף קעגן באַרבאַריזם האָבן זיי געהאַלטן אין די הענט ביזן טויט". רעד ר. מאַהלער, פֿון ליסאַבאָן, ת"א, ז' 664.

2. באַ. ווילדקייט, אַכזריות, רציחהדיקייט.

1953 "מיט באַנײַטן באַרבאַריזם האָבן זיי אַכזריותדיק ליקווידירט די אָנפֿירער און מיטגלידער פֿון יעדער פּאַרטיי אין רוסלאַנד". ה. יאַבלאָקאָוו, זשי גאָפּ, ב"א, ז' 50.

3. (פֿיג) אַ וואָרט, אויסדרוק אָדער סינטאַקטישע קאָנסטרוקציע, וואָס איז פֿרעמד, נישט פּאַסיק פֿאַר דער געגעבענער שפּראַך.

1973 "דינט דשודעזמע איז אַ שפּראַך ניצט מען אָדער ..... אָדער ............., און דאָס בולגאַרישע ..... שפּראַך איז סטיליסטיש אַ באַרבאַריזם". מוג I, ז' 149.

באַרבאַריי -- די, ־ען. דאָס/דזוו באַרבאַריזם בב 1,2.

1882 "זע צו, גאָט, דאָס באַרבאַריי אין געפּערלעכן גלות פֿון נאָרד אין מאָסקאָוויא, ווי מען טוט אונדז אָן גרויסע צרות". ח. כהן רעיון הנשגב, בוקאַרעשט.

1910 "איך זע זיי [די יידישע קראָמען אין קראָקע] אלס לעבעדיקן פּראָטעסט קעגן די באַרבאַריי און רשעות". מר, שריפֿטן !!, נ"י ז' 134.

1965 "ער [יעקב קלעצקין] אנטוויקלט [...] אַ פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן די באַרבאַרייען פֿון די צאַריסטישע אַרמיי־פֿירער". רעד' ליקאָווניש, זב ליטע !!, ז' 784.

Berberidacea Fal.

באַרבאַריס -- דער, ־ן. האַלדקוסט פֿון דער משפּחה... אין מזרח־אייראָפּע איז פֿאַרשפּרייט דער פּשוטער באַרבאַריס...

Berberis Vulgaris

האָט העל רויטע יאַגעדעס־פּרוכטן.

באַרבאַריש - אַדי/אַדוו. 1. ווילד,

אומציוויליזירט, אָפּגעשטאַנען. % אַ באַרבאַריש פֿאָלק. באַרבאַרישע מנהגים. געוויסע באַרבאַרישע שבטים פֿאַרנעמען זיך נאָך מיט מענטשן-פֿרעסעריי.

1865 "עס האָבן זיך דאָך אַפֿילו געפֿונען זייער פֿיל מלכים אַנטקעגן די באַרבאַרישע [...] לענדער, מען האָט אָבער גאַנץ ווינציק אויסגעפֿירט". אמד, בן פדק, ווילנע.

1924 " עס האָט אָפּגעקלונגען ווי דער עכאָ פֿון אַ ווייט באַרבאַריש לאַנד". רעד' ע. וואַרשאַווסקי, זש'באַליאַסטרע, פּאַריז, ז' 57.

2. ברוטאַל, אַכזריותדיק. %אַ באַרבאַריש געשלעג. די פּאָליציי ווענדט אָן באַרבאַרישע מעטאָדן ביי דער אויספֿאָרשונג.

1898 " נאָך דעם יידישן געפֿאַלענעם סוחר איז נעבעך געוועזן באַשערט געוועזן אַריינצופֿאַלן אין זיינע באַרבאַרישע הענט". אַ. מאָרגענשטערן, עגל הזהב, וואַרשע, ז' 119.

1973 " דעם 9טן סעפּטעמבער זיינען די דייטשן אַריין אין פּזשיטיק. זייער ערשטער באַרבאַרישער אַקט איז געוועזן דאָס אונטערצינדן די שול און דאָס בית=מדרש". רעד ס. שטאָקפֿיש, יזכּור פּזשיטיק, ת"א, ז' 316.

[redacted]-בולר
ל״ג

1951 „אזוי ווי די ייִדן האָבן שוין פֿון פֿריִער געהערט וועגן דער באַרבאַרישער באַציִונג פֿון די דײַטשן קעגנאיבער די ייִדן, האָט מען פּאָסטאַנען, אַז מע דאַרף ציִען פֿון דאַנען". ל. וונדה, יזב זלאָטשעוו, ח"א, ז' 290.

3. (אין שפּראַך) וואָס איז אומפּאַסיק, פֿרעמד אין רייד, שריפֿט.

1926 „באמת, צייט אַוועקצוּוואַרפֿן דאָס באַרבאַריש קלינגענדיקע 'באַבאַכטן, באַבאַכטונג/...". טערמינעס אין כעמיע, ווילקאָמירער ייִדישע גימנאַזיע.

= ישקייט — די/דאָס, ־ן. דזוו באַרבאַריזם, באַרבאַריי.

**באַרבוליע — די, ־ס. ——— באַרבאָליע.**

**באַרבוליעניק — דער, ־עס.** אַ געבעקס פֿון באַרבוליע /קאַרטאָפֿל/. /באַשרייבונג דען אין ווייטערדיקן ציטאַט/.

1973 " אַ באַרבוליעניק מאַכט מען אַזוי: מע שיילט אָפּ באַרבוליעס . [קאַרטאָפֿל] . ,מע רייבט זיי אָן אויף אַ געדיכטן ריבאײַזן, מע גיט אַרײַן אַ ביסל זאַלץ, בוימל, אַ פּאָר אייער, מעל - ווייצענע אָדער רעטשענע — הייזן און ראָסטשינע. מען פֿאַרקנעט עס גוט און מע לאָזט עס אויפֿגיין. נאָך דעם רוקט מען עס אַרײַן אין אויװן. [...] אין טשערנאָוויץ האָט עס געהייסן טאָטש. אין די דערפֿער און אין די אַנדערע שטעטלעך פֿון בוקאָווינע און אין מזרח-גאַליציע האָט מען עס גערופֿן: קאַרטאָפֿלעניק, מאַנדעבערטשעניק, בולבעניק. [...] אין ווייסרוסלאַנד און ליטע האָט עס געהייסן אולניק, רײַבאַק, בולבע-טיגעכץ".
ח. יונין, שפּראַכווינקל, פּאַר, 3/12.

באר
54

באַרביטראַט — דער, -ן. (כעמיע, מעד.) אַפּטײק-פּראָ
דוקט פֿון באַרביטור-זײַערס, גענוצט אין מעדיצין ווי אַן $$$
אײַנשלעפֿערונג-מיטל.

-ור -זײַערס — דאָס, מ״א. (כעם, מעד.) אַפּטײק-פּראָדוקט פֿון
אורין-זײַערס, סאָלידער קערפּער, שווער צעלאָזלעך אין וואַסער,
גענוצט אין מעדיצין ווי אַן אײַנשלעפֿערונג-מיטל.

באַרביצע — די, -ס, פֿפּ באַרבעצל/באַרבעצי. 1. שוים,
איבערשטער שיכט, וואָס קומט אַרויף בײַם קאָכן אָדער פּרעגלען
עפּעס.
1939 "[...] כאַפּט אַראָפּ דעם שוים מיט די אָנגעזאָטענע
בײַנדלעך — 'באַרבעצע' הייסט דאָס". זש, שקלאָווער ייִדן,
ווילנע, ז 104.
1958 "באַרביצע — שוים וואָס באַקומט זיך ווען מע פּרעגלט
אײַנגעמאַכטס, וואַרעניע". י. לעווין, ייִשפּ, .../3-.
2. "מין קאָנפֿיטור (פֿערמינט)" /קטוו/.
3. מין זיסוואַרג /סטוטש 258/.

באַרבירן — טרו. (אַרכ.) שערן, ראַזירן די באָרד /קטוו/.
0 באַרביר-מעסער — דאָס, -ס. (אַרכ.) גאָלמעסער, בריטווע.
/קטוו/.

באַרבירער — דער, -ס, פֿפּ באַלבירער. (אַרכ.) שערער,
פֿריזירער, צירולניק. % דער באַרבירער שאַרפֿט אָן זײַן
גאָלמעסער. דער באַרבירער פֿון שטעטל האָט זיך אַ מאָל פֿאַר-
נומען ניט בלויז מיט שערן בערד, ער איז אויך געווען דער
רופֿא צו אַלע קראַנקהייטן.
1906 "ער האָט געלאָזט רופֿן אַ באַרבירער, האָט זיך געלאָזט
אַרומפּוצן, האָט זיך שיין אָנגעטאָן". מ.מ. אויזערקיס,
צעזייטע און צעשפּרייטע/[...], לעמבערג, ז 106.
1928 "מײַן עצה איז, זאָלסט הערן אַ באַרבירער, /[...]/ אַ ביסל
שערן, אַ ביסל לאָזן אָדער/[...]/". אַפּאַ, אַלע ווערק, ב י״ז,
ווילנע, ז 148.
1966 "מע ווייס באַלד ניט דאַרפֿן האָבן קיין שערער, פֿריזירער,
צירולניק, פּאַריקמאַכער, באַרבירער — מ מאַכט ניט אויס
ווי מע האָט בײַ אײַך אין געגנט גערופֿן דעם מענטשן
פֿון ראַזירע, וואָס האָט אונטערגעשאָרן די האָר". י. וואַ-
לאַך, טמז, .../1.

0 באַרבירער-צער — דער, -ן. אמאָליקע פֿאַראײן פֿון די
בעל-מלאכות — באַרבירערס (שערערס).
1967 "אַ וויכטיקע באַדײַטונג פֿאַר די רײַשער ייִדן האָט געהאַט
דער באַרבירער (צירולניקעס)-צער, צו וועלכן עס האָבן
אויך געהערט מעדיצינער און אַפּטײקער". א. חומט, יזכ
ספֿר רײַשע, ת״א, ז 387.

55

באָרבלען — אומט. רײזלען, זשורטשען, רױשן װי דאָס שטילע איבערגיסן זיך פֿון װאַסער. % דאָס ריטשקעלע אין טאָל גיסט איבער די שטײנדלעך און באָרבלט שטילערהײט.

"ער פֿילט זיך אַזױ גרינג, אױפֿן האַרצן איז אים אַזױ גוט און אין האַלדז באָרבלט, עס קיצלט, עס גלוסט זיך זינגען". ש. יוסילע סאָלאָװײ, צײט אױסג. 1886. ז 44.

באָרבלען זיך — אומט. 1. צעשאַרן, אױפֿרירן עפּעס, למשל, ערד, שטרוי אע. % די הינער באָרבלען זיך אין מיסט און זוכן קערנדלעך.

.... "דער 'בולאַנער' מיטן 'קאַשטאַנעװאַטן' פֿאַרװאַרפֿן די קעפּ אַרונטער, באָרבלען זיך, באָרבלען". ש. אַלע װערק, צײט אױסג .... ב 6, ז 76. ............

1928 "בלױז קינדער קלײנע באָרבלען זיך אין שטױב // און אַלטע זײדע־באָבעס זיצן אױף די פּריזבעס". ע. אײזרא, פֿון פֿעלד צום טיש, קיעװ, ז 53.

1965 "אײדער מײַנע הענט האָבן זיך גענומען באָרבלען אין אַ טײַכל, אַנגעשװאָלענע װאָגן, האָב איך דערפֿילט זײַן פֿאַר דעכטיקן בליק". סאָװ הײמלאַנד, נ 4, ז 90.

2. פֿאַרען זיך, טאָן עפּעס אַ לענגערע צײַט, כסדר, זײַן פֿאַרטאָן אין עפּעס; $$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$ באָברען זיך. % נאָר אַ טאָג אַרבעט האָט ער ליב צו באָרבלען זיך אין גערטל - אַרומשנײַדן די צװײַגלעך, יעטן דאָס װילדגראָז. הער שױן אױף צו באָרבלען זיך אין קיך און דערלאַנג צום טיש!

1963 "איך האָב אַלע מײַנע יאָרן זיך געבאָרבלט מיט דעם טראָציקן מאַטעריאַל". ס. קאָבריאַנסקי, ~~סאָװ הײמלאַנד,~~ נ 1, ז 27.

3. ~~באָרבלען זיך אין קאָפּ, זיכרון אע~~ - האָבן אומקלאָרע, אומבאַשטימטע$$$$ געדאַנקען, דערמאָנונגען אע. % ~~עפּעס באָרבלען זיך.~~ עפּעס באָרבלט זיך אים אין קאָפּ אַ שטיקל פּלאַן װי דאָס צו מאַכן.

1923 "איך מוח אין מידן זיך באָרבלט // פֿאַסטערס אינסטי־נקט, // אָפּטימיזם // און מעטשניקאָװס װעלט־פּראָסטאַ־קװאַשע". האַפּ, ~~געזאַמלטע װערק,~~ קיעװ, ז 192.

56

באַרבעט — דער, –ן. (אמ?) 1. פֿויגל פֿון די טראָפּישע לענדער, אַזוי גערופֿן צוליב דעם "בערדל" זײַנעם /ענצווער/.
2. הונט מיט לאַנגע און געגרײַזלטע האָר /ענצווער/.

באַרבענען – אוטוו. (לאָקל, ווילקאָמיר, ליטע)
אַרויסברענגען אַ קלאַנג ווי פֿון אַ צעבראָכענער
לײַמענער כלי [לעמכענאָס, ז' 67].

< Lit: barbeti

באַרבעקיו — די, –ס. 1. "אָקס אָדער חזיר, געבראָטן
גאַנצערהייט אויף אַ שפּיז-פֿײַער [?].
1931 "הײַנט /.../ איז באַרבעקיו די מאָדע: אַן עוף, געבראָטן אויף אַ האָלצפֿײַער". נאַר, נײַסטע ווערק, ה, נ"י, ז' 175.
2. פּיקניק, מסיבה אויף דער פֿרײַער לופֿט, וווּ מע בראָט פֿלייש אויף אַ שפּיז-פֿײַער [?]. % מע האָט געפֿונען אַ קליין וועלדל, וווּ מע האָט זיך צעלייגט און געמאַכט דעם אמתן באַרבעקיו.

~~באַרבער — דער –ס. (אמ.) שערער, פֿריזירער. % דאָ אין אַמעריקע הייסט ער אַ באַרבער, אָבער ער טוט דאָס אייגענע וואָס אין דער אַלטער היים — גאָלט און שערט בערד.~~
1900 "אַוועק צום באַרבער און האָט זיך אַרומגעשײַט". ב. גאָרין, דיא מזיקים /.../, נ"י, ז' 46.
1908 "קיין באַרבער וויל איך ניט, זי זאָל זײַן, איך וועל מיך איינפּראַווען אַליין". אַר, אַלע ווערק, אויסג נ"י, 1930, ב 9, ז' 70.
1942 "דער באַרבער וועט האָבן אַ גאַנצן טאָג אַרבעט. וווּ האָט ער גענומען אַזאַ באָרד?" ל. קאָברין, ריווערסײַד דרײַוו, נ"י, ז' 19.

0 באַרבערשאָפּ — דער, –שאָפּן/שעפּער. (אמ.) דער וואַרשטאַט פֿון אַ שערער. ~~% אַ סך מענטשן וואַרטן אין באַרבערשאָפּ זיך אָפּצושערן.~~
1928 "מאַרקין האָט געהאַט עטלעכע באַרבערשעפּער, געווען פֿאַר מעגלעך". אַפּאַ, אַלע ווערק, ווילנע, ב [?], ז' 147.

/דײטש

$$$$$$$

באַרג -- דער, מץ בערג, דן בערגער, פקפ בערגל. 1. געזאַל אַן אויפֿהײב פֿון דער ערדקאָרע מער װי 300 מ די הײך איבער דעם ים-שפּיגל. % װולקאַנישער באַרג. פֿײַער-שפּײַענדיקער באַרג. טעקטאָנישע בערג. אויפֿן שפּיץ פֿון באַרג ליגט אײביקער שנײ. א סך דער העכסטער באַרג פֿון די אַלפּן איז דער מאָנבלאַן. אַ סך קרבנות האָט געקאָסט דאָס אַרויפֿשטײַגן אויפֿן באַרג עװערעסט.

"איך װאָלט אַ בעלן געװען [...] אַנקוקן מיט מײַנע אויגן דעם ירדן, דעם באַרג סיני, דעם ים-סוף". שע, טוביה, $$$$ 1909.

"און זײ, די בערגער, בוקן זיך פֿאַר מיר און נעמען מיך אויף זײערע שפּיצן אַרויף". א. װיעװיאָרקע, הימל און ערד, לעמבערג, ז' 22. 1909.

"אַ מאָל, אַ מאָל, נאָך פֿאַרן ערשטן אײעלע, זענען פֿינצטערע בערג געװען, פֿינצטערע, פֿאַרשלאָפֿענע בערג און גאָרנישט מער". אשט, מײסעלער, ז' 138. 1936

"אין אײן אָרט װערן די בערג אַראָפּגעשװענקט, װאַקסן נײַע אויס אין אַן אַנדער אָרט". איבז ז. קאַלמאַנאָװיטש, מעשיות װעגן ערד, בערלין, ז' 15. 1922

"/.../ אויף די איבערגעשטאָלטיקטע בערג אַרום יהודה". הל, טמז, 23/X. 1957

2. אין פּאָפּולערן באַטײַט -- יעדער אויפֿהײב, יעדער העכערער טײל פֿון באָדן, װאָס טײלט זיך אויס פֿון דעם נידעריקערן אַרום. % $הויכער/נידעריקער באַרג. קלײן בערגל. שיפּוע פֿון באַרג. צופֿוסן פֿון באַרג. דאָס שטעטל ליגט אויף אַ באַרג. די קינדער $$$$ שליטלען זיך פֿון באַרג אַראָפּ.

$$$$

"אויפֿן הויכן באַרג, אויפֿן גרינעם גראָז// שטײען אַ פּאָר טײַטשן מיט די לאַנגע בײַטשן". פּל.

"די זון שײַנט אויף דער גאַנצער װעלט,// אויף בערגער און טעלער, װאַלד און פֿעלד". עס, /כתבים ?/, ציט אויסג װילנע, $ 1925, ז' 93.

"ס'איז אויסגעפֿאַלן אַ טיפֿער שנײ. אונטער די פֿענצטער האָבן זיך אָנגעהורבעט שפּיציקע בערג". מק, זעלמעניאַנער, ז' 117. 1931

1942 "מען שפרינגט איבער בערגער/.../". אַש, מאָסקווע, תש
1966

"אויפֿן מעראָן-באַרג, ווו מע פֿלעגט אָפּט זיך אַרויסלאָזן
אויף אויספֿלוגן, געצונדן שײַטערס און בײַ פֿײַערן געהלויבט
וועגן וועלט-דערלייזונג". רעד' ש. קאַנץ; "זב אָטוואָצק,
ת"אַ, ז' 41.

$$$$$$$$$$$$$$$$$

3. ~~דיר/פֿיג~~ אָנזאַמלונג, אָנהויפֿונג, אָנשיט פֿון עפּעס אין
פֿאָרעם פֿון אַ באַרג/בערגל; קופּע, שטויס. % אַ באַרג מיט קוילן.
א בערגל מיסט. לעבן דער נײַער בוירונג האָט מען אָנגעשיט אַ באַרג
מיט $$$$ צעמענט.

$6868
1868 "אויך וואַר /איז געווען/ אונדז לײַכטער אַרויסצודרירן
זיך פֿון די בערג זאַמד וואָס האָט אָנגעקערט קעגן אונדז".
אמד, די וויסטעניא זאהארא, ווילנאַ.

~~1899~~ "פּורלעך — מיט ווײַבער און קינדער אויף גאַנצע בערג
~~בערג~~ בעבעכעס, איבערבעטן — ציען זיך איבער די גאַסן".
ממוס, שלמה ר' חיימס , ציט אויסג "מענדעלי", 1911.
ז' 32.

1908 "טיטוס דער רומער האָט זיך צו מיר גענומען, // געמאַכט
פֿון מיר בײנער אַ גאַנצן באַרג". י. ברי"ף, מײַן זײדעס
הגדה, ווילנאַ, ז' 14.

1914 "פֿון פֿלאַקס איז שוין קיין זכר ניט געווען, אויסער אַ
באַרג אַש, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון די פֿײַער-אויפֿגעפֿרעסענע
סענע ווענט". אר, II, ~~פֿאַ "אַרטעל"~~, 1930, ז' 94.

1966 "איך קאָן מיט גאָלד און זילבער דיך באַשיטן, // אַ
באַרג דיר אָנשיטן, ווי דו די גרויס". האַל, מײַן אוצר,
מאָסקווע, ז' 247.

4. (פֿיג) אַ סך, אַ גרויסע צאָל/סכום; גוזמאדיק גרויס. %
ער האָט געבראַכט פֿון דער גרויסער שטאָט אַ באַרג מיט נײַעס. אין
מגאַזין ליגן בערג מיט ניט-פֿאַרקויפֿטע סחורות.

.... "אויף איין אות, וואָס דעם-יענעם דאַכט זיך איבעריק, שטייען אָנגעבויט גאַנצע בערג "ידישקייט". ממוס, ס' הבהמות, ציט אויסג "מענדעלי", .........., ז' 4.

1922 "גאַנצע בערגער צו דערציילן, אויף מײַן וואָרט!" ל. מלאך אָפּפאַל, וואַרשע, ז' 23.

1938 "מע וואָלט גענקאָנט אָנהויבן אַ באַרג נאָך מיט ביישפּילן נפ, דש' יפֿאַ, וואַרשע. נ 3,

5. (פיג) לאַסט, משׂא; עול, יאָך. % באַטראַכט זיך גוט, אײַ-דער דו נעמסט אויף זיך אַזאַ באַרג! אַ גרויסע משפּחה איז אַ באַרג אויף די פּלייצעס.

.... "ווען מען שבת איבערקומען,// ווײַל גלײַך נאָך יום-טוב איז מען קאַרג;// געבליבן ניט קיין סך מזומן,//דאָס שבת-מאַכן — שווער, אַ באַרג". אַר, ליד "נאָך פּסח".

1934 "אַז כ'האָב געענדיקט דאָס לייענען זאָגן, האָב איך געפילט ווי איינער וואָס האָט איבערגעטראָגן אַ גאַנצן באַרג אויף די פּלייצעס". ל. גליקסמאַן, זכרונות בית לוי, קעשענעוו.

1952 "איך די טעג ווען אַ באַרג מיט אומעט לאָזט זיך אַרונטער אויף פּאַמפּאַדורס נשמה[...]". דער לעבעדיקער, צו פֿאַש, 18/I.

1965 "און ווי אַזוי וועלן מיר זיך אַרויסגראָבן פֿון אונטער דעם גרויסן[...] באַרג[...] פֿון חובות, ווייסן מיר ניש". פּ. קאַנסטאַן, צו פֿאַש, 15/XI.

$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$$

6. (פיג) העכסטע מדרגה, העכפּונקט. % די טענצערין איז שוין אויפֿן באַרג פֿון איר קאַריערע. די באַוועגונג האָט דערגרייכט דעם באַרג און דערנאָך אָנגעהויבן צו פֿאַלן.

1903$$$ "דו מעגסט אויף די בערג פֿון געדאַנקען אומפֿליען,// צעשפּרייט אויף דער פֿליגלפֿאַר בער פֿאַנטאַזיען[...]". י. באַוושאָווער, פּאָעטישע ווערק, לאָנדאָן, ז' 8.

1957 "דעריבער ווערן זיי [די עובדי ע"ז] אָנגערופֿן 'בערג פֿון אָפּשיידונג' אין זוהר הקדוש, וואָס דאָס איז כפירה אין דיין/גאָטס/ אמתער אייניקייט". ליקוטי אמרים, תניא, ב"י, כח - נה.

0 בארגאַדלער - דער, =ס.

בארגאייל - דער, =ן. |טערם בעמיע, זש נייע שול, ווילנע, 1921, נ' 5|.

בארגאיינבראך - דער, =ן.|לאווינע, מארק ווב 854|.

בארג=אינזשעניר - דער, =ן.

בארגאָפּהאנג - דער, =ען. אַ שטאַרק משופּעדיקער, כמעט אָדער אין גאנצן ווערטיקאַלער באַרגרוקן.

בארגאָפּריס - דער, =ן. דזוו דפּוו.

בארג=אראָפּהאנג - דער, =ן. דזוו דפוו.

בארג=אראָפּלאז - דער, =ן. שיפּוע פון א באַרג.

1951 " אָט זיינען מיר [...] ביים גרויסן באַרג [...] זעען מיר ניט ביים בארג-אראפלאז א גרופּע דייטשישע סאָלדאטן". ב. כהן, זב ליטע !, נ"י, ז' 1888.

בארג=ארבעטער - דער, =ן. בערגער, דער וואס גראַבט אויס מינעראַלן און מעטאַלן פון די בערג.

בארג=ארטילעריע - די בא.

בארגבוי - דער, בא. - שטיינהאַקעריי.

בארגדורכגאנג - דער, = דורכגענג.

בארגהאז - דער, =ן.

1898 " איין קליינעס טיר, וואס רופט זיך דער בארגהאז |...| גריזעט אונטער די גראז און לייגט זיי אויס-טריקענען אויף ווינטער |...|". אגבה, [זאַצער?] נ. רובאקין, בילדער פון טהיער=לעבען, ווילנע.

בארגהירש - דער, =ן.

בארג=וואסערפאל - דער, =ן.

בארגווילד - דאס, בא. געבערג אין זיין ערשטיקן, בראשיתדיקן אויסזען.

1926-1931 " אונטער אים - בארגווילד און נאכט". הל, ציט אלע ווערק T, נ"י, ז' 380.

בארגוועג - דער, =ן.

1951 " א ייד מיט א קליין וועגעלע |...| האט מיך איין מאל אין א באגינען ארויסגעפירט פון טאווריק. אויס ראמאנטיק! אויס בארגוועג!". ב.י. ביאלאסטאצקי,

זב ליטע I, נ"י, ז' 1223

באַרגטורנעל -- דער, -ן. באַרגטורידזם -- דער, באַ. אַלפּיניזם.

1932 "בכלל שטעלט מיט זיך פאַר דער באַרגטורידזם אַ שווערע פיזישע אָנשטרענגונג, בפּרט פאַר ניט טרענירטע מענטשן". ע. מעשטשינסקי, האַנטבוך פאַר אַרבעטער-טורידזם, מאָסקווע, ז' 16.

באַרגטייך -- דער, -ן. באַרגטראָפּ -- דער, -ן. געוויקס. א. גינזבורג 212

1957 "דער הויף, אַ גרין באַוואַקסענער און ווייס-שטיינעריק ברוקירטער, מיט עפּעס אַ מין באַרגטראָפּ, וועלכער האָט נישט געלאָזט דען, וואָס אונטן אין אים טוט זיך". נס, פּופּע, זש' פאַרידער צייטשריפט, נ' 17, ז' 3.

באַרגלאַנד -- דאָס, מצ -לענדער. באַרגמאַן -- דער, מצ באַרגלייט/באַרגמענער. 1. איינוווינער פון די בערג. % דער באַרגמאַן פּאַשעט די שאָף אין די בערג.

2. בערגער, דער וואָס באַקומט אַרויס מינעראַלן, מעטאַלן פון בערג. % דער באַרגמאַן האָט געפונען אַ נייעם $$$$$ פון גאָלד. אָדער

3. אַלפּיניסט, בערגשטייגער. % דער באַרגמאַן האָט געראַטעוועט די פאַרלאָרענע $$ טוריסטן.

1925 "דער מענטש איז געגליכן צום באַרגמאַן, וואָס דראַפּעט זיך באַרג-אַרויף. ער פאַלט אַ סך מאָל, אָבער ער גייט אַלץ העכער און העכער". י"ז, אויף פרעמדער ערד, וואַרשע ציט אַנט, נ"י, 1946, ז' 292.

באַרגמין -- דער, -ים. /טערמין צו אַרבעט אויף נאַטור-וויסנשאַפט, קיעוו, 1926, ז' 957./

באַרגנימפע -- די, -ס/סטוטש 608./ באַרגענטל -- דאָס, -ער, /סטוטש 247./ באַרגעקבער -- דער, -ס. ספּעציעלער בויערער$$$$$ בײַ אויסגראָבן מינעראַלן אאַ.

1936 "דער פעלדז איז פון אָנגעטריבענע באַרג-מינים: דאָ איז אַ מאָל געווען אַ ים, אונטערן דרוק פון קאָלאָסאַלער שווערקייט האָבן זיך די אָנגעטריבענע באַרג-מינים איינגעטראָמפּעוועט, פאַרוואַנדלט אין שיפערשטיין". איבו ה. קאַמענעצקי פון פ. פאַנפיאָראָוו, מיט פּעסטן טריט, מינסק, ז'

באַרגסטרשקע — די, -ס. שמאָלער שטעג אויף אַ בערג.

באַרגפּאַס -- דער, -ן. שמאָלער דורכגאַנג צווישן די בערג.

1970 "די עלף יידישע סאָלדאַטן האָבן פאַרטיידיקט דעם באַרג-פּאַס". רעד' ד. מאַהלער, סאַנץ, ת"אַ, ז' 723.

בארגאיינבראך — דער, =ן. [לאנדוי, מארק ווב 1874].

בארג=איינזשעניר — דער, =ן.

בארגאפהאנג — דער, =ען. א שטארק משופעדיקער, כמעט אדער

אין גאנצן ווערטיקאלער בארגרוקן.

בארגאפריס — דער, =ן. דזוו דפוו.

בארג=אראפהאנג — דער, =ן. דזוו דפוו.

בארג=אראפלאז — דער, =ן. שיפוע פון א בארג.

1951 " אט זײַנען מיר [...] ביים גרויסן בארג [...]

זעען מיר ניט ביים בארג-אראפלאז א גרופע דייטשישע

סאלדאטן". ב. כהן, זב ליטע I, נ"י, ז' 1888.

בארג=ארבעטער — דער, =ן. בערגער, דער וואס גראבט אויס

מינעראלן און מעטאלן פון די בערג.

בארג=ארטילעריע — די בא.

בארגבוי — דער, בא. — שטיינהאקערײַ.

בארגדורכגאנג — דער, = דורכגענג.

בארגהאז — דער, =ן.

1898 " איין קליינעס טיר, וואס רופט זיך דער בארגהאז

|...| גריזעט אונטער די גראז און לייגט זיי אויס-

טריקענען אויף ווינטער |...|". אגבֿ, [ווער?]

נ. רובאקין, בילדער פון טהיער=לעבען, ווילנע.

בארגהירש — דער, =ן.

בארג=וואסערפאל — דער, =ן.

בארגווילד — דאס, בא. געבערג אין זיין ערשטיקן,בראשיתדיקן

אויסזען.

1926–1931 " אוינטער אים — בארגווילד און נאכט".

הל, ציט אלע ווערק I, נ"י, ז' 380.

בארגוועג — דער, =ן.

1951 " א ייד מיט א קליין וועגעלע |...| האט מיך

איין מאל אין א באגינען ארויסגעפירט פון טאווריק.

אויס ראמאנטיק! אויס בארגוועג!". ב.י. ביאלאסטאצקי,

זב ליטע I, נ"י, ז' 1223.

בארגזון — די, בא.

1928 " וועגן קווארצלאמפ, קינסטלעכע בארגזון אדער

הויכזון האבן מ'ר שוין געשריבן". זש' פגעז,

נ' 17, ווילנע.

62

בארגפאונע -- די, בא. בארגפוס -- דער, =פיס. דער צו-
פוסנס,$$$ די באזע פון בארג. בארגפינג -- דער, -ען /סטוטש
/247. בארגפלאך -- די, -ן. א פלאכלאנד וואס געפינט זיך
אויף א גרויסער הייך. בארגפלאקס -- דער,בא /סטוטש 204/.
בארגפלארע -- די,בא. בארג-צופוסנס -- דער,מצ דז. בארגציג --
די,-ן.
/...../ "יגעמזע',דאס איז די ווילדע גרויסע $$$ שנעל לוי-
פנדיקע בארגציג,וואס געווייטלעך מיינט מען,אז דאס ‡
זענען די 'יעלים' ". פיעט,איבז פון משנה,כלאים, או.
בארגקארק -- דער,בא/סטוטש 204/. בארגקוואל --דער,-ן.
1930 "ווען ער דורכן בילדער-ראדיא קאנען הערן/...// דאס
$$$$$$ רוישן פון א בארגקוואל". דא,פון בערלין/...//
ווארשע,ז' 188.
בארגקיים -- די,-ן. בארגקרא -- די,-ען/סטוטש 247. V
1924 "אויף גלאקטורעמס און כדומה ערטער האלט זיך אויף
די בארגקרא,די איז געפארבן גרוי און שווארץ".איבז
ד"ר איסעל פון א.שמיל,זאאלאגיע,ווילנע,ז' 88.
בארגקרישטאל -- דער,בא/טערמי כעמיע,ווילקאמירער גימנאזיע,
/1926. בארגראיאן -- דער, -ען.
1951 "אין 13 י"ה זיינען פארבליבן נאך דעם אנפאל פון די
טאטערן יידישע קהילות אין די בארגראיאנען פון קרים".
ז,ברוצקוס,דב ליטע ז, נ"י,ז' 196.
בארגריס -- דער, -ן. דזוו בארגאפריס/בארגאפהאנג.
1962 "/...// און פאלט ארונטער פון א בארגריס אין די
תהומען". חג,מענטש פון פייער,נ"י,ז' 95.
בארגשטירץ$$$$$$ -- דער,-ן. (דטשם) דזוו בארגאיינבראך, לעווינס.
1912 "א שטארקער דונער /...// קאן יעמאלט מיטברענגען מיט
זיך א שרעקלעכן בארגשטירץ,וואס קאן באגראבן אונטער
זיבע ריזנשטיינער גאנצע דערפער אין טאל". זשיט,
שריפטן 11 ,נ"י,ז' 202.

באַרגשטײַגער -- דער, -ן. אַלפּיניסט.

/.../ "סאַלוט צום אָדלער, װעלכער פֿליט אַריבער באַרג און טאָלן//
און צו דעם באַרגשטײַגער, ניט מיד אין קרײַז פֿון אָרעאָלן"
ע. קאָרמאַן, /.........?./, ז' 109.

באַרגשטעג -- דער, -ן.

1954 "אָט מאַכט דער אויטאָבוס אַן אָפּשטעל און מיר געפֿינען זיך
אויף אַ זײַטיקן באַרגשטעג". מ. יאַקובאָװיטש, "זכּ כעלם,
יאָהאַנעסבורג, ז' 729.

באַרגשעפּס -- דער, -ן.

1941 "/.../ ודישון ותהו וזמר -- און אַ גאַזעל, און אַ
װילדציג, און אַ באַרגשעפּס". תּי, דברים יד-5.

באַרגשטעקן -- דער, -ס. /מאַרק װב 92/. באַרגשטראָם -- דער, -ן.
באַרגשױן -- דער, מצ --שיר. /מאַרק װב 309/. באַרג-שיפּוע -- דער,
-ים. באַרגשעפּס -- דער, -ן.
באַרגשפּאַלט -- דער, -ן. באַרגשפּיץ -- דער, -ן.

1961 "הינטער יעגער כאַטע, // אויפֿן באַרגשפּיץ, װו די זון פֿאַר-
גײט". סוצ, פּח 1, ת"א, ז' 9.

בערגבאַן -- די, -ען. בערג-װיסטעניש -- דאָס, -ן.

1964 "קוקט איר צו, די רידיקע גראָבטראַקטאָרן רײַסן אַרויס די
סודות פֿון די בערג-װיסטענישן, אַנטפּלעקן
דאָס אײַנגעװײד זײערס /.../". אפֿאַ, צ טאָג, V/18.

בערגלאַנד -- דאָס, מצ -לענדער. בערגמאַן -- דער, -לײַט.
דזה באַרגמאַן. בערגמאַסיװ -- דער, -ן. בערגמענטש -- דער,
-ן. דזה בערגמאַן.

1922 "עלטערע בערגמענטשן װאָס האָבן שױן ניט אײן מאָל געזען
דעם טויט פֿאַר די אויגן /.../". יט, פֿײַנבײמער, װאַרשע.

בערגפֿעלד -- דאָס, -ער.

/..../ "כאָטש די אַרבעטס-בהמות קאָנען ניט אַדורכגײן איבער די
בערגפֿעלדער מיט זײערע אַרבעטס-כּלים /.../". פּיעט, אבֿ
פֿון משנה, פּאה, ב-ב.

בערגשטײַגער -- דער, -ן. דזה באַרגשטײַגער.

1936 "בערגשטײַגער מוזן /.../ אַ װעגװײַזער האָבן און אַ
קאָמפּאַס". נסד, טינט און פֿעדער, נ"י, ז' 208.

אייזבארג -

שלאסבארג..

1951 " |...| און די פעסטונג אויף דעם ווילנער
שלאסבארג זאל זיין אויפגעשטעלט |...|". א. קאצענעלנבאגן,
זב ליטע I, נ"י, ז' 315.

שפיץ-בארג - דער באַ... דער שפּיץ=בארג איז באדעקט
מיט שניי. מיר קריכן אויף ביז צום שפּיץ=בארג.

תנך=בארג/בארג אררט/ אראראט.

1888 " אויפן בארג אררט, אויפן הויכן בארג [...]".
פרץ, מאניש, ציט אויסגעוויילטע ווערק, 1951, ז' 219.

בארג חורב [כּורעוו].

1883 " עס גייט ארויס איין בת=קול אַלע טאג אויף דעם
בארג חורב און זאגט: ווײ צו די מענטשן וואס זיינען
מבזה די תורה". נופת צופים, ווילנא, לה - II.

בארג כרמל [קאַרמל].

1843 " אַזוי ווי דער בארג כרמל איז דער שטארקסטער
צווישן אלע בערג, אזוי שטאַרק האַלסטו אויף דיר
דיין קאָפּ [...]". איבז א. ל. בראנדיס,
ספר שיח ספונים, יאס, ז' 57.

בארג לבנון [לעוואָנען]

1910 " דער אלטער לייב, דער לייב פון בארג לבנון//
איז אויפגעוואכט". פרוג I, נ"י, ז' 306.

בארג סיני [סיני] - 1. לויטן תנך: דער באַרג אויף וועלכן גאָט
האָט געגעבן משהן די תורה.

1909 " איך וואלט א בעלן געווען [...] אנקוקן מיט
מיינע אויגן דעם בארג סיני, דעם ים=סוף [...]".
שע, טביה, ציט אויסג נ"י 1944, ב' VII, ז' 186.

1960 " א גרופּע וואס האט זיך געוואקלט צווישן דעם
הייליקן בארג סיני און דער אומווערדיקייט פון
מצרים". שנ, שלום אש, נ"י, ז' 305.

בארג שעיר |סעיר|.

... " פיינט מיינע לאָזן זען, זיך שעמען פֿאַר שאַנד,//
דעם בארג שעיר נעם גיך איין אין מזרח-לאנד".
ממוס, זמירות, ז' 67.

.65 - ב/ר

פפ: גרויס ווי א בארג. הויך ווי א בארג. צעוואקסן ווי א בארג -- דיק, פעטלייביק. געשוואָלן ווי אַ באַרג. אַ נאָז ווי אַ באַרג -- גראָבע, פליישיקע נאָז. אויפגיין ווי אַ באַרג -- אויף גוט אויפגעוויירענעם טייג. שלש: קלאָר ווי דער יאַמפּאָלער באַרג -- אויף עמעצנס אַן ענטפער, אויפקלערונג, וואָס קלערט גאָרניט אויף. קשור.

איבער באַרג און טאָל/באַרג און טאָלן לויפן, פליען, שוועבן אע -- זייער ווייט, אין אַ סך, פאַרשיידענע ערטער, לענדער.

1936. "דאָס שטיבעלע איבער בערג און טאָלן לויפט עס". אשט, מיטעלער, ז' 11.

שה: מע קען דעם באַרג אויפהייבן אַ שפּענדל ניט אָוועקטראָגן -- צו אַ וויכטיקן, שווערן ענין דאַרף מען צוגיין ערנסט; שווערע אַרבעט פאָדערט אָנשטרענגונג. אַ באַרג מיט אַ באַרג קומט זיך ניט צונויף, אָבער אַ מענטש מיט אַ מענטשן -- יאָ. אַז דער באַרג גייט ניט צו מחמדן, מוז מחמד גיין צום באַרג.

פּוּל/גלהל: בנ, וועט זיין א לאָך אין הימל און א באַרג אויף דער ערד -- איראָניש אויפן טויט פון איינעם, צו וועמען מע באַציט זיך מיט ביטול. ווען ער נעמט איין א מיתה-משונה וואָלט געווען אַ באַרג אויף דר'ערד, אָבער ניט קיין לאָך אין הימל -- דזוו $$$$$ פריער, נאָך שאַרפער.

מאַכן אַ באַרג מיט אַש פון עפּעס -- צעפּטרן, מאַכן אַ תל. מאַכן אַ באַרג אַש פון עמעצן -- אָפּזידלען שטאַרק, צו נישט מאַכן. טראָגן/האָבן אַ באַרג אויף די פּלייצעס/אויפן קאַרק -- האָבן אַ שווערן עול, אַ גרויסע דאגה/דאָרג, א שווערע פּראָבלעם צו לייזן. אראָפּוואַרפן (אראָפּפאַלן) אַ באַרג פון קאָפּ/פון די פּלייצעס, רוקן -- זיך באַפרייען פון א גרויסער דאגה, צרה; פּטור ווערן פון אַ עול, שווערער פּראָבלעם.

1873 "וואָס ווייניסטו? - פרעגט די, אַ שטאַרקן שאָקל געבנדיק מיטן האַלדז, גלייך ווי די וואָלט אַראָפּגעוואָרפן א גאַנצן באַרג משא". ממוס, קליאַטשע, ז' 89.

1929 "פריידלען איז אַראָפּגעפאַלן אַ באַרג פון די פּלייצעס". מ. טייטש, אַרום דער פאַבריק, מינסק, ז' 250.

צונויפפירן/צונויפשלעפן אַ באַרג מיט אַ באַרג -- אַ) אויפטאָן, דערגרייכן אַ שווערע זאַך, וואָס דעט אויס צו זיין אוממעגלעך; ב/ זיין אַ מייסטער אין פּילפּול, אין דיספּוטירן, ספּעציעל געניצט בנוגע תלמו-

.66 באַרג -

דישן פּילפּול.

1938 "בשעת ער /אַ יונגער עילוי/ איז אַרײַן אין בית-מדרש, האָט
אים אײנער אָנגעכאַפּט /.../: זאָג עפּעס אַ שטיקל פּילפּול
און פּיר צוזאַמען אַ באַרג מיט אַ באַרג". נטע הלוי ליפּ-
שיץ, דער גײַסטיקער /.../, קאָונאַס, ז' 44.

איבערקערן בערג -- טאָן אַלצדינג, די שווערסטע זאַכן כדי צו
דערגרײכן עפּעס. סע שטאַמט פון באַרג סיני/ניט/ פון באַרג סיני
-- ס'איז ניט קײן געבאָט, ס'איז ניט הײליק. ניט דערגאַנגען
צום באַרג סיני -- (איר) ניט איבעריק קלוג. באַרג-סיני-קלײדער
-- (איר) אַמאָליקע טראַדיציאָנעלע ײדישע בגדים: קאַפּאָטע, שטרײמל א"ע.

1895 "אפילו אַ בלינדער זעט /.../ אַז דער וואָס טוט איבער די
הײליקע באַרג-סיני-קלײדער אויף די שפּאָלטן מיט די דאַשע-
קעס, פאַרלירט ער באַלד דעם צלם-אלקים". י"ל, דאָס פּוילישע
ײנגל, אדעס, ז' 107.

באַרג-סיני -- אַמאָליקע קינדערשפּיל.

1947 "נאָך מיט די חומשים אונטער די אָרעמס האָבן די קלענערע
כיתות פאַר נאַכט, גלײַך נאָכן חדר, געשפּילט זיך אין באַרג-
סיני". י. קרעפּליאַק, מעשיות פאַר יונגוואַרג, נ"י, ז' 77.

מאַכן דעם באַרג-סיני -- באַפּוצן מיט גרינס דעם בית-מדרש
לכבוד שבועות.

1955 "צו די יום-טובדיקע מאָמענטן וואָס האָבן אַרײַנגעטראָגן דער
הויבנקײט אין שטיבל אַרײַן /חסידישער בית-מדרש/, דאַרף מען
צורעכענען דאָס מאַכן דעם באַרג-סיני פאַר שבועות". יש, חדר און בית-מדרש, ציט ײשפ VI --, 2, ז 50.

אַז משה רבינו איז אַרומגעגאַנגען אויפן באַרג סיני און האָט
געשריגן אבי שלמה - איז ווער האָט אים געהערט? -- שפּאָטיש אויף
אַן עם-הארץ, ווען ער צעדרײט אַ פּסוק, פאַבײַט די יוצרות.

קללות: זאָלסט זײַן מיטן קאָפּ אין דר ערד ווי אַ באַרג אויפ-
לויפן זאָלסטו ווי אַ באַרג געשוואָלן און געדראָלן זאָלסטו ווערן
ווי אַ באַרג, ווי דער כעלעמער באַרג! זאָל ווערן פון דיר אַ באַרג!
זאָל פון מיר ווערן אַ באַרג, אויב... -- אַ באַשווערונג.

θ . - . - . - . -

■ ברג/בערגא/ בערג.

1. ←---

1626 "דיאַלײט דיא זיך אן גוט אַ פר זיכרן זײנן גלײך אַז

ברג ציון דער דאָ איבג ניט גלייט/.../". סהם, תהילים,
קכה–א, לובלין.

" אי גרעשר אונ' מעהר דער פיינה בריה טוט זיין , פירט 1732
ער זיך וויא$$ דער ברג סיני שפל אונ' קליין אונ קען
פיל ברג אין פילפול אום רייסן". עיון יצחק, בערלין,
י'/63.
2.

"צווישן צווין בערגן זמילט ער ואלק גינויק.// אונ'
באָט בון דעם הימל די בעריג צו דמין שלויג". מג"ל,
ש' 785–786.

"ווען דוא גלייך מיינשט אז דער יצר טוב איז ביא דיר אז 1732
איין ברג דען מן ניט קאן איבערזעהן". עיון יצחק, בערלין,
ב/30.

באַרג II -- דער, $$, מצ בעבג. בוידעס. % שטעל צו א לייטער

באַרג, מע דאַרף אַראָפּנעמען דאָס וועש. דאָס פּסחדיקע געפעס האַלט

מען אַ גאַנץ יאָר אויפן באַרג.

1929 " די וואָרט-געאָגראַפּיע [...] גיט אונדז אויך אַ סך וועגן

דער געשיכטע פון יידיש. "באַרג" פון דעם באַגריף "בוי-

דעם" איז אַ ווייסרוסיש-פּויליש השפּעה[...]. ל. ווילענ-

קין, יידישער אַקאַדעמישער ווערטערבוך [...], מינסק.

באָרג -- דער, געניצט $$ אין $$$ אַצ אין דער אַדוו פּר

אויף באָרג; אַהס אויך מצ אויף באָרגעס. אויף קרעדיט, ניט

במזומן, ניט גלייך באַצאָלט אַלץ. % נעמען/געבן אויף באָרג

אין קראָם. די סוחרים קויפן/פאַרקויפן אויף באָרג. די

אָרעמע יידענע נעמט אין קרעמל אויף באָרג אַ גאַנצע וואָך, ערשט

דאָנערשטיק צעצאָלט זי זיך. דער פאַבריקאַנט וויל מער ניט געבן

אויף באָרג צוליב דער אינפלאַציע.

1825 "איך האָב קיין ברירה ניט געהאַט און האָב געמוזט אויך

אויף באָרגעס אָנהייבן צו געבן"8 מסדר אגרת, ציט ביי

י. עלזעט מיט 100 יאָר צוריק, תקפ"ה.

1865 "מע טאָר ניט פאַרקויפן סחורה אויף באָרג מיט איין

איבערגעזעצטן פּרייז". אמד, איבז בית אברהם, ווילנא.

.... "קומט זיי, די פּויערים, דער יידישער סוחר צו הילף,

גיט זיי עטלעכע קערבלעך אויף באָרג, זיי זאָלן נאָך דעם

אָפּאַרבעטן". ממוס, צורלק אהיים, ז' 94.

1890 "איך האָב אַלץ גענומען אויף באָרג, ניט געצאָלט מזומנים".

י. ראַבינאָוויטש, צוויי פּאַטריאָטישע שירים, נ"י.

"בעלי-הבתים מוזן אָנקומען צו זיין קרעדיט, קריגן ביי

אים אין געשעפט סחורה אויף באָרג". יז, משפחה קאַר-

נאָווסקי, נ"י, ז' 330.

1973 "די יידישע האַנטווערקער האָבן פאַרקויפט זייערע אויסאַרב-

בעטונגען אויף יריד. האָט ווער ניט געהאַט באַלד צו

באַצאָלן, האָט ער באַקומען אויף באָרג". ד. שטאָקפיש רעד'

פּשיטיק, ת"א, ז' 243.

באַר - 68

בּאַרג - אַרויף -- אַדװ פֿר. (אָרב) באַרג-אַרויף I.

1867 "אַז מע זעט װי פֿערד שלעפּן איין שװערן װאָגן אָדער בּאַרג-אַרויף, אַפֿילו די זענען נוכרישע / ניט פֿון אַ ייִדן/, איז רעכט מע זאָל זיי העלפֿן". א.דאַנציג, חיי אָדם, װאַרשע, ז' לה/א.

189.. "באַרג-אַרויף לויפֿט זיך שװער/...". פּרץ, "אין חדר אַריין" שקצים, /ב?/, ז' 190.

בּאַרג - אָפּ -- אַדװ פֿר. (אָרב) באַרג-אַראָפּ I.

.... "האָט ער געזען /דער שר/ אַז דער אַריינקום פֿון שטאָט איז זייער באַרג-אָפּ און עס איז אַ סכנה/.../". ס' דובר שלום, פּשעמישל, דף I-47.

~~189.. "באַרג-אָפּ לויפֿן צחיי בחדרים/.../". ???............~~ מקור?!

בּאַרג - אַראָפּ -- אַדװ פֿר. 1. אין דער ריכטונג צום אונטערשטן טייל פֿון באַרג, צו זיין צופֿוסנס. %גיין (פֿאָרן, לויפֿן, קייקלען זיך) בּאַרג אַראָפּ. די שטיינער האָבן זיך xxxxxxxxxxxx האַסטיק געקוילערט באַרג-אַראָפּ. דער שטעג שלענגלט זיך מסוכנדיק באַרג-אַראָפּ. די קינדער שליטלען זיך בּאַרג-אַראָפּ.

1880 "נו, קריכט אַראָפּ, עס איז דאָ אָפּאַסנע /געפֿערלעך/ צום פֿאָרן באַרג-אַראָפּ". ברוך שפּרנ', בעלי-עגלות, װאַרשע, ז 24.

ב׳ר-
69

1927 "[...] געגאַנגען מיטן גאַנצן אימפּעט באַרג-אַראָפּ ביז דער בריק". יד,שטאָל און אייזן, ווילנע,ז' 8.

1936 "איצט איז שוין אלץ געגאַנגען ראַש,ווי איינער קײַקלט זיך באַרג-אַראָפּ". ש.האַראָנטשיק,שטאַרקע מענטשן,ציט אַנס,ז' 205.

2. (פֿיג) אין/צו אַ שלעכטן ,ערגערן מצב, אין/צו ירידה, אין/צו סכנה. % די ווירטשאַפֿט פֿון לאַנד קײַקלט זיך באַרג-אַראָפּ. די קאַריערע פֿון דעם פּאָליטיקער גייט שוין באַרג-אַראָפּ.

1905 "צוקוקנדיק זיך צו דער לאַגע פֿון אונדזערע ייִדישע בעלי-מלאָכות,מוזן מיר קומען צום טרויעריקן xxxxx xxx באַשלוס,אַז זי גייט ווי באַרג-אַראָפּ און ווערט/.../ אַלץ אומזיכערער און שוואַכער". אַנאָנים,די קונסט אונד האַנטווערקעריי,ווילנע,ז' 3.

1959 "פֿול מיט אָפּפֿלוס און צופֿלוס איז דעם דיכטערס לעבן, באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ פֿירט זיין וועג". שנ,קריטיק און קריטיקער,ב"א,ז' 40.

1961 "ווען אַ פֿירמע נעמט גיין באַרג-אַראָפּ,קאָן זי גיין באַנקראָט אין אַ קורצער צייט". י.וואַרשאַווסקי,צ' פֿאַר $$$$$, 12/VIII.

11 -יק -- אַדי/אַדוו. וואָס גייט באַרג-אַראָפּ; אדוו ווי באַרג אַראָפּ,אויף אַראָפּ,אין דער נידער.

1925 "ציט דער באַרגאַראָפּיקער דאַך יאָסיקן צום ראַנד[...], וואַרפֿט אים פֿון דאַך מיטן קאָפּ אַראָפּ". מ.מייראָוויטש, ראַכמיעל[...],כאַרקאָוו.

1963 "באַרגאַראָפּיק/אדוו/ מיט געפּלייץ// יאָגן שעפּסן אין אַ סטאַדע". סוצ,פֿוו,I ,ת"א,ז' 109. 1963 1934-1937

11 -יקייט -- די,באַ. שאַרפֿע משופּעדיקייט.

1956 "דער טראָט// אַרויף איז פֿאַרפֿירערישע ,גליטשיקע באַרגאַראָפּיקייט". יג,פֿון מיין גאַנצער מי,נ"י,ז ....

באַרג - אַראָפּ II -- דער,-ן. 1.אַראָפּנידערונג,אַראָפּגאַנג פֿון אַ xx באַרג. % אַ שאַרפֿער,משופּעדיקער באַרג-אַראָפּ. דער באַרג-אַראָפּ איז זייער אַ געפֿערלעכער,מיט אָפּריסן אויף ביידע זײַטן.

2. (פֿיג) ירידה, פֿאַרערגערונג פֿון מצבֿ. % דער באַרג-אַראָפּ פֿון דער רוימישער אימפּעריע. דער באַרג-אַראָפּ פֿון דער השׂכּלה-באַוועגונג הייבט זיך אָן צום סוף פֿון 19טן י"ה.

1951 "פֿון סוף 1922 הייבט זיך שוין אָן דער לאַנגזאַמער באַרג-אַראָפּ [...] און פֿירט צו אַ צוזאַמענבראָך". זב ליטע I, נ"י, ז' 136.

1959 "/.../ באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ פֿירט זיין/דעם דיקטאַטאָרס/ וועג". שנ, קריטיק און קריטיקער, ב"א, ז' 40.

באַרג-אַרויף I -- אַדוו פּר. 1. אין דער ריכטונג צום אייבערשטן טייל פֿון באַרג, צו זיין שפּיץ. % גיין (קריכן, פֿאָרן) באַרג-אַרויף. די סטעזשקע ציט זיך באַרג-אַרויף צווישן פֿעלדזן. די אַלפּיניסטן שטייגן אַלץ העכער באַרג-אַרויף.

1910 "פּאָליטיקער/.../ וואָס פֿליען שנעל, ווי באַרג-אַרויף אַ שקאַפֿע אָן אַ פֿענסטע/צוים/". פּרוג, III, נ"י, ז'.....

1925 "דער מענטש איז געגליכן צום באַרגמאַן, וואָס דראַפּעט זיך באַרג-אַרויף". יז, אויף פֿרעמדער ערד, ציט אנס ז' 292.

1956 "האַלט איין אייער לויף באַרג-אַרויף!". יג, פֿון מיין גאַנצער מי, נ"י, ז' ......

1960 "דער וועג שלענגלט זיך באַרג-אַרויף /.../ ביים אָפּהאַנג קרישלט זיך די ליימיקע ערד". ר. רוס, פּש' היימיש, ת"א, I/15.

2. (פֿיג) צו דערהייבונג, צו עליה, צו אַ בעסערן מצבֿ. % די (פּאַרטיי גייע) גייט איצט באַרג-אַרויף, די צאָל שטימען פֿאַר איר שטייגט. ~~שטייגט.~~ דער גאַנג פֿון דער רעוואָלוציע איז ניט לאַנג געווען באַרג-אַרויף, איצט איז זי אין פֿולער ירידה.

1959 "[...] באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ פֿירט זיין /דעם דיקטאַטאָרס/ וועג". שנ, קריטיק און קריטיקער, ב"א, ז' 40.

II =יק -- אַדי/אַדוו. 1. ~~וואָס גייט/~~איז אין דער ריכטונג אויף אויבן, (ווי) צום שפּיץ פֿון אַ באַרג.

1963 "אין ביימער-אָדערן רינט טרויעריק בלוט, צעגרינט באַרגאַרויפֿיק/אַדוו/". אפּא, וואך איז דער סטעפּ, ת"א, ז'.

2. (פיג) אין צושטאנד פון עליה, אויפשטײג.

1960 "מיט די שענסטע חלומות פון דער בארגארויפיקער ידישער ליטעראטור". יג, אין תּוך גענומען, בּיסון, ז ....

בארג-ארויף, בארג-אראפּ -- פּראזע. 1. אויף פארשײדענע וועגן, דורך פארשײדענע לאנדשאפטן, ערטער. % דער שליאך ציט זיך בארג-ארויף, בארג-אראפּ, דורך פעלדער און וועלדער. ער האט געריטן בארג-ארויף, בארג-אראפּ, ביז ער/אויז אנגעקומען צו דער גרענעץ.

1923 "מײנע פיס, ווי זײערע, קאנען שפאנען// בארג-ארויף און בארג-אראפּ". קוו, גרינגראז, בערלין, ז 193.

2. (פיג) מיט א סך פארשײדענע אומשטײן, דורך עליות און ירידות, מיט דערגרײכונגען און מפּלות. % דאס לעבן זײנס איז געגאנגען בארג-ארויף און בארג-אראפּ - א מאל האט עס אים אפּגעגליקט, און באלד געליטן א דורכפאל.

## ארויף‎ II

בארג - -- דער, -ן. 1. דער אויפהײב פון א בארג, דער וועג צו דעם שפּיץ-בארג. % א שארפער/מילדער בארג-ארויף. דער בארג-ארויף איז א פעלדזיקער און שווער דורכצוגײן. דער בארג-ארויף האט שטארק פארמאטערט די טוריסטן.

2. (פיג) דערהײבונג, אויפשטײג, עליה; פארבעסערונג פון מצב.

1938 "דערפאר מוז די געשיכטע זיך דערהײבן צו אים, א שווערער בארג-ארויף, און ווער ווײסט, ווען ער וועט פארענדיקט ווערן". קאר ו, נ"י, ז 50.

1971 "מיט שטילער עקשנות האט די בײגעקומען גריבער און קאנאוועס, בארג-ארויפן און בארג-אראפן, וואס זײנען אין לעבן צעשטעלט". אי. קיפּניס, מײן שטעטעלע סלאוועשנע, [ב'?], ת"א, ז .......

בארג - ארונטער -- אדוו פר. דזוו בארג-אראפּ.

1951 "די לאגע האט זיך זײער שנעל אנטוויקלט בארג-ארונטער, עס איז געשלאסן געווארן דאס ידישע מיניסטעריום/.../" ל. בערגער, זב ליטע ו, נ"י, ז 232.

72

ב אַ ר ג ג ר אָ ב ע ר -- דער, -ס. [27] דזה בערגמאַן, דער וואָס גראָבט אויס מינעראַלן, מעטאַלן אין די בערג. [8]

ב אַ ר ג - ד ר ש ה /דראָשע/ -- $$$ די, בא. באַרימטע רעדע פון יעזוס קריסטוס, אין וועלכער עס זײַנען אַרויסגעבראַכט וויכטיקע עיקרים פון זײַן לערע.

1935 "[...] האָט ער געזאָגט מיט א טאָן פונעם לעגענדאַרן קריסטוס בעת דער לעגענדאַרער באַרג-דרשה". /איבד?/ פון מיקיטענקאָ, פרימאָרגן, בערדיטשעוו, ז 375.

/די/

ב אַ ר ג וו אַ ר ג -- דאָס, בא. אויסגראָב-פּראָדוקטן פון די בערג: מינעראַלן, מעטאַלן אאַ. % דער גרעסטער באַשטאַנדטייל פון דעם באַרגוואַרג אין תימנע איז קופּער. די באַרגוואַרג-זוכער האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף סימנים פון גאָלד.

1938 "נישט איך האָב געדונגען די באַרגוואַרג פון וויעליטשקע און באָכניע". מ. ווינער, קאָלעוו אשקענאַזי, מאָסקווע.

.73 באר -

באַרגיטקעס -- במ. 1. טורמע [ פון פויליש
א קאטוילישע פרויען-קלויסטער = Brygidka
| ביי סטוטש 470: בריגידקע. |.

2. "משוגעים=הויז אין לעמבערג " [ קטוו ].

............................................................

באמ: מסופק אין אויסטייטש.

............................................................

1901 " גאט האט אונדז שוין געהאלפן מיר וועלן שוין האבן איין גוטן אום=טוב אדער אין קרימינאל אדער אין די באַרגיטקעס ". מעשה פון איין פירשט, לעמבערג.

באַרגייד -- דער. =ן. אנגעהעריקער צו דער גרופע יידן, וואס לעבן זינט אלטע צייטן אין דאגעסטאן, ראטנפארבאנד; אנדערש אויך גערופן "טאטן".

די באַרגיידן פון קאווקאז האבן עקשנותדיק אויפ-געהאלטן זייער טראדיציאנעלן שטייגער=לעבן.

... " די קאראימער [ שיידן זיך ] זייער שטארק אפ פון די דאגעסטאנער באַרגיידן, וועלכע האבן אין זיך באשטימט זייער פיל כאזאריש בלוט". ד"ר י. ברוצקוס, ייבל, נ' 1 - 2.

74

באַרגיק -- אדי/אדוו. 1. וואָס באַשטייט פֿון בערג, % יהודה מיט דער אייגנשאַפֿט פֿון בערג.
איז אַ באַרגיקע געגנט. דאָס באַרגיקע צפֿת האָט פֿאַרכישופֿט די
טוריסטן.

1922 "און דער סקווירער וועג, וואָס שלענגלט זיך אין דרום-
זײַט פֿון דער היפּשער באַרגיקער שטאָט/.../ ". בערג,
ציט' אַנטאָלאָגיע 'א שפּיגל אויף א שטיין', ת"א, ז' 5.

1962 "געאָדערטע וועגן פֿון באַרגיקן לאַנד,// פֿאַרקריצט איז
מיר אײַער פֿאַרשטיינערטע מאַפּע". חג, דער מענטש פֿון פֿײַער
נ"י, ז' 79.

2. אַזוי ווי אַ באַרג.

1957 "אַנטקעגן דער גאַס האָט זיך דער באָדן געהויבן באַרגיק
~~אַמאָל~~ אַרויף/.../ ווי אין אַלטע אײַנגעבויגענע פּלייצע".
ש. בראָון, ~~זב מאַגאַט~~ בילגאָריי, ת"א, ז' 149.

1960 "איך בין ניט הײַנטוועלטיק און ניט אַמאָליק,// ניט
~~אַלטן~~ באַרגיק און ניט טאָליק". יפֿ, לעגענדע נח גרין, נ"י,
ז' 75.

~~15~~

וו 11 ~~ק~~יט -- די, בא.
"וואָס נענטער די קלאָץ שווימט צו צום ברעג, אַלץ העכער
וואַקסט אויס די באַרגיקייט און אַלץ שאַרפֿער שנײַדן זיך
אַראָפּ די גרויסע שטיינער". מ. שעליובסקי, ~~אא~~ אין דער
וועלט אַרײַן, ב"א, ז' 99. ~~xxx~~

1957...

1951 "פּאַסוואָל איז געלעגן אויף אַ באַרגיקייט, און דאָרט איז
אוודאי אויך געווען אַ סך ווײַניקער בלאָטע ווי אין פּום-
פּיאַן". ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, זב ליטע I, נ"י, ז' 1209.

1. [illegible]

2. [illegible]

[illegible]

75 - ב'ר-

באַרגיקן -- אוטו. (שנש) ליגן ווי אַ באַרג, שווער מאַכן, דערדריקן.

1947 "די וואַקלדיקע פרייד// וואָס הרגעט דעם טרויער,וואָס באַרגיקט אויף אונדזער צײַט". ב.שנאַפּעל, זב זאמל-ביכער, בוקארעסט,ז 18.

באַרגן -- טרוו. (שנש) אויפהייבן,העכער מאַכן,ס'דאַל אויסזען ווי אַ באַרג.

1927 "/דער ים/ באַרגט זײַן בויך,/.../ פאַרסאַפּעט בלײַך צו מיר ארויף". א.לוצקי, [illegible] /??/
נ"י, ז' 69.

באַרגן זיך -- רעפל. הייבן זיך,העכער ווערן,קריגן דעם אויסזען פון אַ באַרג.

1927 "באַרגט זיך זײַן בויך/.../". א.לוצקי, ס איז גוט פאַר אײַך, נ"י, ז 69.

1947 "וואַקסט אויף אַ האָריזאָנט,וואָס האָרבט זיך,באַרגט זיך". לע,א ייד אויפן ים,נ"י,ז 145.

1955 "זאַמד האָט זיך פאַר אונדז געבאַרגט". אפּא,שקיעה, ק"ס, לויט?

אויך ??

?נ? באַרג (יי) ן -- דער, =ען. (אַם, נאַ) מציאה, אַ זאַך וואס מע קריגט פאַר זייער אַ ביליקן פרייז.

באָרגן -- טרוו. 1. געבן (לייען, פארקויפן)

עפעס אויף קרעדיט, ניט צו באצאלן גלייך,

נאר שפעטער אדער אויף אויסצוצאלן. באָרגן

אויף א משכון, אויף א היפאטעק/ אויף א וועקסל.

באָרגן אויף אן ערנווארט, אויף נאמנות. דער הורטאוויניק

מוז באָרגן די קרעמערס (דעם סוחר, דעם קונה)

א טייל פון זיין סחורה. די באנק באָרגט איצט נאר

אירע זיכערע קליענטן. צוליב כסדרדיקע בייטן פון

די פרייזן ווילן די קרעמערס קיינעם ניט באָרגן.

..." דער קרעמער האט זיך איינגעשפארט: ער בארגט
ניט מער ". ממוס, צוריק אהיים ז' 83. א/643

1907 " אז יאקובאוויטש וועט אים בארגן, איז ער געווען
זיכער; יענער איז איצט אנגעשטלאגן מיט געלט".

644

1936 " [...] קומען מאנען פאר עסנווארג און שווערן,
אז זיי וועלן מער נישט בארגן. י.י.ז. ברידער 646
אשכנזי, ווארשע, ז' 90.

1948 " [...] פאר דייך פנים פון א רביצין, וואס
פארקויפט קרעטאנען// פלעגסט בארגן און די חובות 647
דיינע קיין מאל נישט דערמאנען. סעג, איצטער,
נ"י, ז' 230.

2. נעמען ( לייען, קויפן ) עפעס ביי עמעצן אויף קרעדיט,
ניט צו באצאלן גלייך נאר שפעטער, אדער אויף אויסצאלן.
% בארגן ביי דעם סוחר/קרעמער. דער ארעמאן מוז בעבעך
תמיד בארגן - ער האט קיין מאל ניט קיין מזומנעם
גראשן. א קונה וואס בארגט און באצאלט ניט צו דער
צייט, פארלירט דעם קרעדיט. ~~דער פארשויך בארגט~~
~~ביי אלעמען און גיט קיינעם ניט אפ.~~

1884 " פריער בארגן, לייען,// צום צאלן " איך לי"שרייען".
ש. מ. אסטראווסקי, דער מאסקאראד=באל, ווארשע,
ז' 79.

1875 " יודל בארגט און נעמט אָן איין אַן ארט // גאלד
און זילבערווארג אויף ערנווארט". ממוס, יודל, 652
ז' 66. ציט אויסגאבע ..., ווארשע, 1913.

1956 " מיר האנדלען דורך די טעג // מיט לייען און
בארגן// און דרייען אריין // די ביינאכטיקע
דערשראקענע לאמפן // פון אונזערע באזונדערע זארגן".
יג, פון מיין גאנצער מי, נ"י, ז' 52.

1966 " ארייך איך זייך באנק און געבארגט א סומע געלט
פאר אן איינצאלונג אויף דעם הויז ". ב. סטאלאווי, 653
פארוו, V.29.

3. אויסלייען עמעצן א זאך אויף א צייטווייליקן באניץ.
% בארגן דער שכנטע א טעפל. בארג מיר דייך
פאטאפאראט – איך האב מיינעם פארגעסן מיטצונעמען.
ער האט מיר געבארגט זייך יידיש-ענגלישן ווערטער=
בוך אויף עטלעכע וואכן.

4. אויסלייען ביי עמעצן א זאך אויף א צייטווייליקן
באניץ. % בארגן ביי דעם שכן זייך לייטער. דער
תלמיד האט געבארגט ביים חבר זייך ווירע. איך
וועל בארגן אן אויטא אויף דער וואך ביי מייך
פריינד, וועל איך קענען מאכן די עקסקורסיע.

1910" לויט דעם מנהג,// פלעגן דאמאלס ביי די קליידער
// בארגן איינע ביי דער צווייטער". ש. פרוג, 655
אלע שריפטן III, ה"י, ז' 305.

1912 " הייבט מען אן צו קלערן: וועמען גייט מען
אויפוועקן און בארגן א יינגעלעס היטל ביז איך דער 654
פרי. יחזקאל קאטיק, מיינע זכרונות, ציט אויסג,
בערלין 1922.

" איך האב זיך געלאזט די באקן רייטלען, האב 1924
מיך פון דער נגידיתטע א קאפעלוש געבארגט". 656
אש, גש IV, 46.

5. ( פיג ) געבן עמעצן עפעס, ווי א פקדון, א ניט=
מאטעריעלן ווערט.

1907 " א עשו, בארג דייך כח מיר // און זעסטו,
כ'מאך א פשרה,// דיר האט דער בורא איינגעטיילט 658
// מיט גבורה אן עין הרע". יהואש, צו עשון.

~~6. ( פיג ) נעמען ביי עמעצן עפעס, ווי א פקדון,~~

79 באר -

6. ( פיג ) נעמען ביי עמעצן עפעס, ווי א פקדון, א ניט=מאטעריעלן ווערט.

כ'האב בא איר געבארגט איר ניי-געבארן ווארט!". 1931
האפ, געקליבענע לידער, ז' 48. 657

|| עניש = -- דאס, בא. דאס בארגן, א סך.

1870 " ~~מיר וועלן אים דארט פיל רויקער~~
~~און געזינטער אלס ער וואר | איז געוועזן | אליין~~ א/657
~~א סוחר און וואר~~ פארדרייט אין בארגעניש און אין
זארגעניש אין אין טערמינען היטן". איבז אמד,
לעוואנדע, ר' שלומלע דער פער פון דער קהלה,
ווילנא, ז' 117.

ער= -- דער, =ס ( =ין, =קע ). דער וואס בארגט
עמעצן, אדער דער וואס בארגט ביי עמעצן.

1905 " איך וועל דיר אן עצה געבן; שטעל אויס א וועקסל
אויף טויזנט גילדן. דער בארגער וועט דיר אפילו ב/6571
נאר די העלפט געבן, אבער וואס וועט דיר שאטן,
אז די מוטער וועט שוין פאר דיר באצאלן?'.
יצחק משה באדער, צביה פון אדעסא, לעמבערג, ז' 80.

... " דער לוה, דער בארגער [=נעמער] זאגט ".
[ פיעט? ] בבא מציעא ז/א. צ/657

פוול:

בארג ניט קיין סטאלער, ווייל ער קאן מאכן פיס,
קיין שערער - ווייל זיין גאנצע פרנסה הענגט אויף א
האר; קיין גאלדשמיד - ווייל ער גייט מיט די
פינגערלעך אין דרויס; קיין קוכער - ווייל ער
קאן פארקאכן א קאשע; קיין חברה-קדישה-מאן -
ווייל וואס ער נעמט גיט ער ניט צוריק.

[ז. ברושי, סטאוויסק, לאמזשער געגנט.]

.80 - 5 - באר

בארגן זי מיר א ווי=שפעט=איז -- (לאקל, לאדזש)

"אויסדרוק צו באצייכענען די קארגשאפט פון די קאלושער יידן. 673

[קטוו]. ער בארגט ביים הונט די ציין" -- ( רעג

גאליציע ) א ייד איידער ער בארגט, גייט ער ארום 676

און זארגט ( זיך ), און קומט דער זמן פרעון, פייפט

ער יענעם אן.

שוו: לייען און בארגן מאכט/ברענגט ( גרויסע) זארגן.

קראצן און בארגן איז נארגוט אויף א ווייל(ע).

אז מען בארגט די המוציא איז מען מיט א ברכה ניט יוצא.*

| מיין ? | ווער עס באדארף נישט ( צו ) בארגן,

דער לעבט אן זארגן. ווער עס וויל בארגן, דער

זאל קומען מארגן. אז מען בארגט איינעם געלט,

קויפט מען זיך א שונא. געלט בארגן און ליב האבן

קען מען קיינעם ניט נייטן. פארן מארגן וועט גאט

זארגן - און היינט ווער וועט מיר בארגן?*.

ביים בארגן האט ער א זכרון - ביים אפגעבן געדענקט

ער ניט. ( אויף ) לאנג געבארגט איז אלץ נישט

געשענקט. בארגעלע - לאכעלע, צאלעלע - וויינעלע.

אויף קארטן און אויף א טאנץ בארגט מען ניט קיין

געלט. *אויף "וואלט איך און זאלט איך" בארגט מען

ניט קיין געלט.

ם בארגן/בורקן

1696 " דער קראם שטיט אופן דער קרעמער דר בארגט. אונ׳

די טאבל שטיט אופן אונ׳ די הנט שרייבט אף דינג אן". 641

| סידור | תפלה למשה, דעסוי, [illegible], דף קכא. -2

1735 " דא בארגט ער איילין שפיגל טוזנט היט איך אייך

הלב יאר צו ביצאלן ". איילין שפיגל, פראג, 642

תצ"ה, דף 26.

2. אין דער הענט איין שטעקן // אויף בוראָגן אויס

1675 " איין איבר וויל האבן איין צאבלי היטל אונ׳
אן זעצין וויל אלז נישט קלעקן". די באשרייבונג 679
פון א שכנא אונ׳ פאלק, ציט פילאלאגישע שריפטן !!!, 1920,
פראג, ז׳ 200.

1763 " צו דעם פאלק זאלסטו זאגן זי זאלן זיך אן ביריטן
מארגן,// איך וויל אינן פלייש שאפן זיא זאלן מירש 649
ניט לענגער בארגן ". ר׳ יעקב בר׳ יצחק סג"ל ש"ץ
דק"ק ריטלזיא, קהלת יעקב, פראג, תקכ"ג, דף פ/1.

6. שוינעך, האבן איינזעעניש פאר עמעצן, באגיין זיך
מיט חסד.

1574 " גיגן דיר וויל איכש וואל שליכטן ישראל טוא
איך ניכט. דען בולקר איך ניט בורג. 687-686
איך צווינג זיא אופן וואר ". שמואל-בוך,
סטראַבורג 1731.

7. ערב זיין פאר עמעצן.

1626 " (רע) דער ביזר רשע ( ירוע ) ווערט צו ברוכן
( ב׳ערב ) דער וויל עש האט געבורגט זיין הרץ 690

.82 באר - ד.

( זר ) צו דער ע"ז". ספר המגיד I, משלי, יא - טו,

לובלין, שפ"ג [תי: איז ערב פאר א פרעמדן].

באַרגונג -- די, באַ. ערבות, איינלאַג, גאַראַנטיע.

1626 " |...| אונ' דער זעלביג האט דאך לנג גיבורקט

קיין בורגונג ( לפני ראהו ) פר זיינום גיזעלן ".

סהמ I, משלי יז - יח, לובלין. | תי: איז ערב אן ערבות |.

באַרגער.

1716 " אויך גלייך דער לייאר ווערט זיין דער באַרגר

כלומר דער | לוה | ווערט מיט נישט האבן צו צאלן". א/690

ספר המגיד III, ישעיה, כד ב.

באַרגעלע-גוט=שבת -- נאמען פון א

קינדערשפיל | סטוטש 517 |. „די שפיל גייט אזוי:

באלד ווי מען ענדיקט דאס אויסציילן, שטעלן זיך די

קינדער אויס ארום דעם אויסגעפאלענעם און הייבן אן

צו שרייען: " בארגעלע, גוט=שבת! בארגעלע, גוט=

שבת !" - און צעלויפן זיך. דער אויסגעפאלענער

זאגט זיך נאך עמצן און דארף אים אנרירן ( א קלאפ טאן);

דער אנגערירטער ווערט געמאלט דער " בארגעלע "

און אזוי גייט די שפיל ווייטער . ס'איז אויך

איינגעפירט צו געבן דריי קלעפ און זאגן ". איינס,

צוויי, דריי!" [קסוור].

ס [באַרגער] 563 מצ דז. בירגער, איינוווינער

פון א שטאט.

1669 " דער ראש ערן זאל די טראסארדר מאסיף זיין

[פארזאמלען, צונויפרופן] בעהורים [?] וגלחים אונ'

פאר נעמליכה באַרגר אונ' מיט זיי מיועץ גיוועזין".

כ"י וועגן מעצער עלילת דם, ציט פש III, ז' 269.

באמ: כ'ביך ניט זיכער צי מע דארף 'בארגר' לייענען

באַרגער!

83 באַ – דער

באַרגעקדיש – דער, =ן. (זאָאָל) מין יאַשטשערקע
איבן ז. רייזען, א. שמייל, זאָאָלאָגיע II,
ווילנע, 1921, טערמינאָלאָגיע:

R: Ящерица живородящая

באַרגקראָ(ע) – די, =ן. (זאָאָל) פויגל.
איבן ז. רייזען, א. שמייל, זאָאָלאָגיע II,
טערמינאָלאָגיע, ווילנע 1921:

R: галка;
Ф: Dohle

באַרד I -- דער, =ן. פּאָעט=זינגער אין מיטל=עלטער
ביי די קעלטישע פעלקער; בכלל– א פּאָעט. % די באַרדן
האָבן באַזונגען די העלדישקייטן פון די ריטער.
דער באַרד זינגט א באַלאַדע און שפּילט צו אויף א לירע.

באַרד II -- ~~[illegible]~~ -- געוועך ---> באַרדע.

באָרד

באָרד I -- די, מצ בערד, 1. דער אונטערשטער
טייל פון א מענטשנס פּנים, נידעריקער פון די ליפּן;
די גאָמבע. % ער איז געפאַלן און צעקלאַפּט זיך די
באָרד. אין דער רעכטער זייט פון באָרד האָט געפלאַמט
א ניט באַוואַקסענער שראַם.

[1912 "|...| ר' לייב שטייט ווי א גולם, מויל און
אויערן אויפגעשטעלט, די באָרד און די נאָז אויפ- 826
געהויבן אין דער הויך". ממוס, אין א שטורעם צייט, 6,3
ב' XVI, ווארשע, ז' 40.

1947 "|...| חיים לאָזט צוריק אראָפּ די באָרד, גייט
אוועק און חנה קוקט אים נאָך". י. ל. פּרץ II, 829
שלום בית, נ"י, 102.

2. דער האַרבאַדעק אויף דעם אונטערשטן טייל פון פנים ( אויף דער געמבע/באָרד ) און אויף די באַקן, ביז צו די פאות, ביי א דערוואַקסענעם מאַן.

א לאַנגע באַרד, א קורץ בערדל. א שוואַרצע ( ווײַסע, געלע, גרויע, ווײַסע) באַרד. א שיין צעקעמטע באַרד. די בעטלערס מיט די קאַלטענעוואַטע בערד. דעם בחור שפּראָצט שוין א שיטער בערדל. דאָס ציגן=בערדל פּאַסט אים צום נאַרישוואַטן פנים.

1868" מיין באַרד פון יענער וועלט האָט זיך מיין אבידע [קריוודע, עוולה] אַנגענומען". גאָר, די באָרד, זשיטאָמיר, ז' 94. 817

~~... " אט איז א באַרד, אט איז א פנים און אט איז דער טאַטע איז גאַנצן ". מ[illegible]ס, א [illegible] האָר, [illegible].~~

... " איך ווייז איר, ווי איך לייג יעדער אַרויסגעפּאַלענע האָר אין דער גמרא אַריין, איך גיב צו פאַרשטיין, אַז א באַרד איז א דבר שבקדושה ". י. פּרץ !!, נ"י, ז' 63. 830

1927 " |...| דאָס פנים האָט אויך אַזוי אויסגעזען, ווי דער האַלדז. און די פאות און די באַרד זיינען געוועזן גרוי". ה. לעזשיטניצקי, דעם זיידנס הייזל, וואַרשע, ציט אַנט, ז' 343. 835

~~1935 " |...| מאַנסלייט גייען אונעק צום שולהויף [illegible], מיט [illegible] בערד [illegible] באַש, דער שטן אין גאַריק, ציט אַנט, ז' 2[illegible].~~ 841

1949 " |...| דער פאָטער פון דער משפּחה, א ייד מיט אַן אימפּאַזאַנטער באַרד, פלעגט ער זיצן אין שטוב אין א היטל ". א. מוקדוני, מיינע באַגעגענישן, ב"א, ז' 15. 846

3. ביי געוויסע בעלי=חיים - א בינטל האר אדער פעדערן ביים האלדז אדער ברוסט. % א ציג האט איך א באַרד, און איז פּאַרט נאַר א ציג. די פּאָווע שפּאַצירט אַרום שטאָלץ מיט איר בערדל און פאַרביקן עק.

1888 "אנגעמען פלוצים דעם קאַבצאַנסקער קהלשן צאַפּ פאַר דער באַרד ". ממוס, ווינשפ, ז' 21. 825

(2ט אויסג ווילנע 1913,)

4. ביי געוויסע געוויקסן - א בינטל אדער שורות פון הערעלעך, וואס זעען אויס ווי א בערדל.

1920 " די בלעטלעך זיצן פאַרוויַיז איינס א קעגן דאָס אַנדערע, ווי דאָס בערדל פון א פעדער ". איבזא ד. האכבערג, א. שמייל, געוויקסן, מאָסקווע, ז' 50. 960

||אַטע= -- אַדי ( סל, נא ) -----> באַרדיק.

0 בארדפול -־ אדוו. ( שנש ) מיט א גרויסער געדיכטער
בארד.

1971 " שרייַיק און בארדפול צו דער ערד געבויגן ".
887 ש. שווארץ, גאלדענער גלות, ת"א, ז' 62.

בארדשפיץ / שפיץ=בארד -- דער, =ן.

[? 1913" רב עזריאל שלאגט זיך מיט דער דעה, און דערביי
827 דרייט ער מיט די פינגער דעם שפיץ=בארד און לייגט
אים אריין אין מויל אריין. ממוס, בישיבה של מטה,
ז' 84.

בארדשפראץ -- דער, בא.

1973 " ער האט א שיטערלעכן בארדשפראץ ". אליצקי,
888 ווילנער יידן, ז' 333.

הערצלבארד -- ברייטע שווארצע בארד,

1973 " אינעם ערשטן הייזל רעכטס האט געוווינט ר' מאיר
889 פירשט ז"ל - א הויכער ייד מיט א שיינער הערצלבארד".
רעד. שטאקפיש, פשיטיק, ז' 407.

שמייכלען ( שמוכן, לאכן ) אין בארד אריין -
לאכן שטיל, פאר זיך, כמעט אומבאמערקלעך.

1876 " דער בעל שם אבער האט זיך אריינגעלאכט אין בארד".
950 אמ"ד, אלטע יידישע זאגן, ווילנא, ז' 38.

.87 באר –

1930 " פון זיין באליבט בערגל לאזט זיך אראפ דער
זיידע און שמוכט נחתדיק צו זיך אין באָרד אריין". 948
איבז אי. קיפּנים, גאָרבוזאוו, דאס איז גייט,
קיעוו.

1951 " דער ליטווישער ייד, וואס איז געווען אפט א
קיביצער לגבי זיך, האט געשמייכלט אין באָרד אריין 944
אונטער נזיך אליין ". ה. אבראמאוויטש, ליטע I,
נ"י, ז' 417.

(אריין)ברומען אין באָרד (אריין) – זאגן עפּעס
שטילערהייט, ווי פאר זיך אליין, מע זאל עס (כמעט)
ניט הערן.

1960 " גאט וועט העלפן – האט דער זיידע אריינגעברומט
אין באָרד אריין ". יפ, די לעגענדע נח גרין, 939
נ"י, ז' 20.

1965 " האט ר' יעקב-אשר אריינגעברומט אין זיין באָרד".
ח. גראדע, טמז IX/24. 940

רייסן זיך ביי די בערד – שטארק קריגן זיך, ביז צו
געשלעג.

אריינפאלן זיך אין די בערד –- (שש) שלאגן זיך.
1962 " די מאנסבילן זיינען זיך אריינגעפאלן אין די
בערד, די ווייבער האבן זיך געריסן די שלייערס". 941
פ. רודאי, טמז, I/14.

(צו)קלעפּן זיך א באָרד – א) (אקטיאריש) זיך גרימירן.
ב) פארשטעלן זיך. מאסקירן.

אפמאכן די באָרד – אפגלעטן זי, צענעמן זי מיט דער
האנט, אוועקנעמען אין א זייט.

פאראן שוין ווער ס'זאל פליקן/סקובען די באָרד –
שוין דא קליינינקע קינדערלעך/אייניקלעך (ס'רוב אין
פרעגיקער פארמע).

אנפייפן אין דער באַרד = א) מיאוס אפּנאַרן, באַשווינדלען.
ב) אַנזעצן, באַנקראָטירן.

ער מיינט, אַז ער האַלט (האָט אַנגעכאַפּט) גאָט ביי/פאַר
באָרד -- אויף איינעם, וואָס איז רייך, פאַרנעמט
א גוטע פּאָזיציע און ער פירט זיך תקיפותדיק, גלייבט
אַז דאָס וועט שוין אַזוי תמיד זיין און ער מעג זיך
אַלץ דערלויבן.

1896 " און דו מיינסט אַז האָסט גאָט שוין ביי דער
921 באָרד אָנגעכאַפּט ". ל. בינשטאָק, בערלינער, לוואָוו,
ז' 17.

גרויס ווי דעם זיידנס באָרד (פּפּ) - א) (איר)
וועגן קאַליר גרויס. ב) (איר) אויף א פאַרזעסענער
מויד.

א ייד מיט א באָרד - א) דערוואַקסן, שוין נישט
קיין יינגל. ב) א חשובער, א באַגלייבטער מענטש.

1888 " פלעגט ער אויסלאַזן מיט די ווערטער: לאַכט ניט,
955 לאַכט ניט, דאָס האָט געזאָגט א ייד מיט א באָרד.
און אַקעגן אַזאַ ליגן מיט א וואָרצייכן איז שוין ניט
געווען וואָס צו טענהן ". ממוסדו, ווינשפ,
1913 וואַרשע, ז' 34.

א מויד מיט א באָרד - א) משרת, דינער, ב) (איר)
אַן איבערגעוואַקסענע מויד, א פאַרזעסענע.

א לאַקש אויף דער באָרד - (שלש) ניט קיין ראיה, באַווייז.
" דער מקור פון דעם דאָזיקן ווערטל [...] איז
928 אין תלמוד (יומא דף פ/ג) וו ס'ווערט דערציילט
וועגן דער נוציקייט פון מים אחרונים ". [...] דערפון
[...] שטאַמט דאָס דערמאָנטע ווערטל, וואָס ווערט באַנוצט

וועגן א סימן, וועלכן מע האלט פאר נישט גענוג, פאר נישט איבערצייגעוודיק". [לז] ייפא, [1938] ווארשע, ב' 9.

ס'האט (שוין) א בארד - [וואָס] א געשעעניש וואס איז שוין קיין נייעס נישט, א סך מאל דערציילט. [„פאר וואס זאגט מען, אז די מעשה האט שוין א בארד? - ווייל יעדער וואס דערציילט זי, לייגט צו א האר". F א האר - דא געמיינט: עפעס, א קלייניקייט].

1920 "[...] דעך יעדער ווייסט [...] אז א בארד האט נאר אן עלטערער מענטש, אלזא, ווען די מעשה האט שוין א בארד, איז זי מחמא |...| אן עלטערע מעשה". עלזעט, וווּנדער=אוצר |...| ווארשע, ז' 56.

1930 " דיין חכמה, חיים, האט שוין א בארד [...]". אפא XI, ווילנע, ז' 332.

מאך מיש די ליפן און טרעסע (טרייסל) ניט מיט דער בארד! - (איר) צו איינעם וואס וויל, בעט עפעס, אבער ער קאן עס ניט דערגרייכן F אדער ווען מען זאגט אים אפ.

ווען די באבע וואלט געהאט א בארד, וואלט זי געווען א זיידע. (וואלט זי געדאוונט פארן עמוד [וואָרי]) - שפאסיק אויף (צו) עמעצן, וואס רעדט בלשון "וואלט" בנוגע זאכן, וואס זיינען ניט מעגלעך, נישט בדרך הטבע.

ער וואלט שוין געהאט א גרויסע בארד, נאר ער בייסט זי ארום - אויף איינעם וואס מאכט זיך עלטער, קליגער, אבער עס קומט ניט ארויס.

904

90. באר -

עס רינט איבער דער באָרד - אויף איינעם וואס האט פרנסה בשפע, מער ווי מע דאַרף אפילו. | עלזעט, וואונדער=אוצר, וואַרשע, 1920, ז׳ 69. |

ס׳שמאַלץ רינט איבער דער באָרד - דזוו דפוו.

איבער דער באָרד גערונען און דאס מויל ניט געפונען - אויף א שלימזל, אן אומגעראטענעם, וואס קאן ניט אויסנוצן א גוטע געלעגנהייט.

לומדישע און שפּאַסיק = לומדישע טײַטשן בשייכות מיט "באָרד":

1868 " און דאס מיינט דער פסוק: שאל אביך ויגדך זקניך ואומרו לך - פרעג דיין טאטן וועט ער דיר דערציילן, דיין באָרד וועט זי דיר זאגן - דעריבער מוז יעדער ייד טראגן א באָרד, כדי ער זאל האבן וועמען צו פרעגן ". קמץ, נ׳ 40, 291. 908

1920 " אז איינער גאָלט זיך אפּ די באָרד, זאגט מען: ער האט געמאכט "גילו ברעדה" | א ווארטשפּיל מיטן פּויילישן "גאָלי בראָדא" - שערער [P Golibroda] עלזעט, וואונדער=אוצר, וואַרשע, 1920, ז׳ 64. 910

... " א סריס האט קיין באָרד נישט מען פרעגט: פאר וואס וואַקסט ביי א סריס קיין באָרד נישט? און מען ענטפערט: די גמרא זאגט, אז ביז אברהם אבינו איז ביי קיינעם קיין באָרד ניט געוואקסן, ערשט ווען אברהם האט זיך באקלאגט און געטענהט, סטייטש? איז רעכט אזוי, אז א טאטע מיט א זון קומען אריין, זאל מען ניט קענען דערקענען, ווער ס׳איז דער טאטע און ווער דער זון? דעמאלט איז ערשט געגעבן געווארן די באָרד (בבא מציעא פז, א, סנהדרין קז, ב). 935
א מאַנסביל, וואס איז ביכולת צו האבן זיך דאַרף האבן א באָבע, אבער אז איינער איז א סריס צו וואס זשע דאַרף ער א באָרד? [א. רעכטמאַן, ייבל XLII]

שון: בעסער א ייד אן א בארד, איידער א בארד אן א ייד - יאַנדעס, מענטשלעכקייט, מעשים=טובים איז וויכטיקער ווי אויסערלעכע פרומקייט.

די בארד איז דא, דער קרעכץ איז דא - ווו איז דאס יידישע הארץ? - אזוי ווערט כאראקטעריזירט א פרומאק.
[יישפ, XI, 56].

אז די בארד ברענט, איז די גאמבע לעבלעך -- איראניש ווען איינער רעדט וועגן א פועל-יוצא, וואס איז זעלבסט פארשטענדלעך. [עלזעט, וווּנדער=אוצר, [...], ווארשע, 1920, ז' 66].
(װאַריאַנטן: אנשטאט "גאמבע" - מאַרדע; אנשטאט "לעבלעך" - הייס, קאכעדיק.)
~~וואריאנטן===אנשטאט=גאמבע==מארדע~~

אז די בארד ברענט איז הייס אין מויל (אין מאַרדע) - 1153 [...]

- ב.נ.ב.
אז די בארד ברענט, איז ליכטיק אין די אויגן, [...]
[...]

אז מע סמאליעט די בארד, איז לעבלעך אין מאַרדע - ב.נ.ב.

עסט מען חזיר, זאל (כאטש) רינען איבער דער בארד - אויב מע טוט עפעס, וואס איז נישט שיין, ניט דערלויבט, זאל מען כאטש האָבן הנאה.

[...]
א מאן אויף א שפאן און א בארד אויף אן אייל (אויף אַ פייל, א קלאפּטער) - באטייט א ניט סימפאטי-שער מענטש, א פרומאק.

1927 " דאס איז געווען דער זעלבער ר' ~~קלונס~~ קלונימוס, |...|
א מאן אויף א שפאן און א בארד אויף א קלאפטער".
י. בודזאהן, דער מקח טעות, ווילנע, ז' 12.

918

ער לערנט זיך שערן ( גאלן ) אויף יענעמס בארד -
אויף איינעם וואס וויל קריגן פראקטיק אויף יענעמס
חשבון, צו יענעמס שאדן, אליין ניט ריזיקירנדיק.
עלזעט טייטשט אויס: " דעם די בארד איז דאך יענעמס
כבוד און פארמעגן ". [עלזעט, וווּנדער=אוצר, [...],
ווארשע, 1920, ז' 63].

מע לערנט זיך גאלן אויף דער בארד פון א יתום -
אויסניצן אן ארעמען, א שוואכן [ים, ליטע !, ז' 1471].

א ציג האט אויך א בארד און איז פארט נאר א ציג -
א) ניט אלץ וואס האט אן אויסערלעכע ענלעכקייט איז
מאקע גלייך. ב) אויף איינעם וואס כאטש ער האט
א ( גרויסע ) באָרד, אבער איז קיין לייט נישט.
[עלזעט, וווּנדער=אוצר, ווארשע 1920, ז' 63].

בארד=און=פאות - אפט געניצט ווערטער-פארל, ווי
אן אויסדרוק פון אמאליקן יידישן שטייגער, ווען
בארד=און=פאות זיינען געווען א סימן פון א יידן,
און דאס אָפּשערן זיך בארד=און=פאות האט אנגעוויזן
אויף משכילישקייט אדער גאר אויף אפיקורסות.

1893 " זא א אינסעמנאטע [?] באקאנטער בטלן וואס זיין
בארד מיט פאות איזט פיר א יעדן באקאנט אם ענדע 823
האט ער זיך אפגעשוירן ". י. ארנשטיין, רעיונות ישראל,
יאס, ז' 156.

1952 " [די דייטשן האבן] גענומען א שער און אפגעשניטן
דעם יונגן=מאן די בארד=און=פאות ". ש. פייערשטיין, 859
יזכר דאס בוך פון לובלין, ז' 438.

1957 " בארד=און=פיאות זיינען א סימן צו דערקענען
א יידישן פרצוף פנים ". ס'המאמרים, יידיש, 867
נ"י, תשט"ז, ז' 127.

93. באר - ...

1964 " מען דארף אונטערשערן באָרד=און=פּאות, אונטערהאקן די קאפּאטע, לערנען רוסיש און קענען מלאכה ". חג, טמוז, 23/X. 853

א ווייב (א יידינע) מיט באָרד=און=פּאות - אויף א פּרוי, וואס זי פירט דאס רעדל אין שטוב, וואס זי האט די הויפּט=דעה אין דער משפּחה.

שווערן ביי באָרד=און=פּאות - צוגעבן דער שבועה מער באגלייבטקייט, חשיבות [ עלזעט טייטשט אויס דעם אויסדרוק אזוי: " דער שטייגער פון א יידן איז, ווי באקאנט, צו שווערן בנקיטת חפץ, אזוי אבער ווי נישט שטענדיק האט מען אונטער דער האנט א דבר מצוה, שווערט מען ביי באָרד=און=פּאות". [עלזעט, ווונדער-אוצר, ווארשע, ז' 63, 1920].

1873 " שווער איך ביי באָרד=און=פּאות, אז מיר אליין האט זיך שוין געטראפן אין מיין לעבן א סך גילגולים ארויסצוטרייבן ". ממוס, קליאטשע, ציט אוהג' ב' י' 1910.

1895 " איך שווער דיר ביי באָרד=און=פּאות". יילל, דאס פּוילישע יינגל, אדעס, ז' 15.

א צבועק היט די באָרד=און=פּאות מער פון אייגענעם קאפּ" - ווייל דאס העלפט אים נישט דערקענען ... זיין אמתע געשטאלט.

א שיינע באָרד=און=פּאות און ווייניק דעות - ניט תמיד איז די אויסערלעכע חשיבות א סימן פון קלוגשאפט.

ם בארט, מצ בערט.

.2 <------

1544 " דא שפּראך דער קויניג חנון צו דודש בוטן איך זאג אוייך זעלצים מערן // איך וויל אוייך אוייער 807

.94 באר - .

בערט האלב אב שערן ". שמואל בוך, פערא 1280.

... " דא זאגט דער ענגיל [צו סנחריב] די ווייל דו

הושט דען בארט // זא בישטו ניט, וואול ביווארט // 809

ווער דער בארט אבא גישורן אונ׳ אבא גיטראנטן

זא ווער דיין גשטלט ברוואנט ". מגלה מינכן,

מ/94א.

1676 " צו מורגנש גרייט זיא אן איין קאם דש ער זיין

האר אונ׳ בארט אויז קעמט אונ׳ גרייט אים אן ריין 812

ושיר דש ער זיין הענט אונ׳ דאס פנים ריין ווש ".

ברנט שפיגל, פפדם, פרק ח׳.

1751 " האט דער עושר נישט גפרעגט אונ׳ נישט גיקערט

נאך דעם אן שרייאן אונ׳ האט זיך דאך אימר גלאזט 815

זיינם בארט פוצין ". עח, פיורדא, תק״ב, לא,1.

באָרד !! -- דער, =ן. (אמ,נא) דעפארטאמענט,

אפטייל פון א מלוכה=אמט. % בארד אף העלט=געזונטהייט= (?נ?)

דעפארטאמענט. באָרד אף עדיוקיישן = בילדונג=דעפארטאמענט.

באָרד !!! -- זיין (שטיין) אין בארד (אמ, נא)

זיין אויף קווארטיר מיט קעסט.

|190?| " אונטער דעסן האבן זיי זיך אויסגעפרעגט, ווי

לאנג זיי זיינען אין לאנד, ווו זיי שטייען אין בארד,

ווי לאנג עס איז ביי זיי סלעקף?". זש׳ די נייע (?נ?)

צייט, נ׳ 1, שיקאגא, ז׳ 11.

באַרדאַ -- די, באַ. אפּפּאַל פון ווייַנאון ביר=ברויעריי, געניצט ווי שפּייַז פאַר פיך. R: барда.

1929 " פאַרן קעלבן זיך [דאַרף מען] געבן דער קו וואָס ווייניקער זאַפט פוטער, ווי בוריקעס, קאַרטאָפל, מייערן און אין גאַנצן אויפהערן געבן באַרדאַ. 965

ק. גוטמאַן, די נויטיקסטע אַגראָנאָמישע ידיעות פאַר נייַע איבערוואַנדערער, טשערקאַס. (?נ?)

באַרדאַ -- די, [באַ?] " געטראַנק ביי די אַראַבער קאַווע מיט שטיקלעך לימענע און צוקער מיט רייַז". (?נ?)

| קטוור |.

באַרדאָ I - דער, באַ. סאָרט ווייַן, טונקל רויט, נאָמען לויט דער שטאָט באָרדאָ. ~~% באַרדאָ איז א געשמאַקער טישוויין.~~ (פּראָווינץ)

1890 " ער וועט שוין דאָרט ניט האָבן די פּרינצלעכע מיטאָגן, מיט שאַמפּאַניער און גוטן באַרדאָ=ווייַן, ווי ער האָט געהאַט אין דער פּאַריזער תפיסה ". 974

ייִפּאָל, נ׳8, ז׳8.

באַרדאָ II -- אַדי. פּפּ באַרדע, קאַליר טונקל רויט, פון רויטן ווייַן. % באַרדאָ=קאַליר. די ווענט זייַנען גרינע מיט א באַרדאָ קענטל.

1885 " איז צו געגאַנגען צום שפּיגל, האָט זיך שיין פאַרקעמט און אַרויסגענומען פון קאַסטן א באַרדאָ קלייד צום אָנטון ". א. בוכבינדער, די היינט=מאָדישע אַריסטאָקראַטקע, אַדעסאַ, ... ז׳ 10. 969

1922 " ס'שפיגלען די ווענט, // באַרדאַ פלוש, גאלד –
970 די עלעקטרע בלענדט ". ל. מלאך, אפפאל, ווארשע,
ז' 170.

1928 " זי [illegible]עמט אָ[illegible]ערפּ[illegible]עכטן [illegible]יט די [illegible]וי[illegible]יק[illegible] הענט אירע
970א צ[illegible]פּאַטלטע [illegible]אַנגע צעפּ. [illegible]י באַרדאַ [illegible]לוזקע צי[illegible] זיך אײַן
או[illegible] י[illegible]ע[illegible]ר ב[illegible]יג [illegible] איר [illegible]קערפּע[illegible] שניידט זיך [illegible]רויס,
רייצ[illegible]". אפּא, I, ז' 130.

1967 " ס'האָט זיך דאָרט אָנגעלעהנט אַן אײנציקע ספר–
975 תּורה אין א באַרדאַ מענטעלע". י. ווארשאַווסקי,
פּאַרוו, VIII/4.

באַ ר ד אַ ט ע -- אַדי. ( רוס, נאַ ) מיט אַ באָרד, (?)
מיט אַ גרויסער באָרד. | 2ל |.

באַ ר ד אַ ק -- דער, =ן. (וווּלג) פּראָסטיטוציע –
הויז, הייזל, בית=זונה, נפקא–בית.

1960 " מיסטער מעיער [...] וויל אהערצו קומען [ק] אונטער
אַ פרעמדן נאָמען – אינפאָרמירט די אײגנטימערקע פון
באַרדאַק אירע שטענדיקע און געקליבענע קונדן ".
י. זאַלאַוויץ, צ' פאָר, X/18.

באַרדביין -- דער, =ער. קינביין, קניער, [סטוטש 240].

באַרדוואָק -- דער [=ן?] (אמ, נא).
שפאצירוועג לענגויס דעם ים=ברעג [סטוטש 178]

באַרדיאַק -- דער, =ן. פּפּ בורדיוק. (רוס)
"לאגל צו האלטן וואסער אדער אַנדערע געטראנקען
ביי די אראבער". [קטוו].

באַרדיור -- דער, =ן (ארויסגערעדט אויך
באַרדיר). 1. א פּאַס, שטרייף, וואס זוימט ארום,
באפוצט די ראנדן פון א זאך (שטאָף, טאַפּעטן אע).
% די פארהאנגען האבן שיינע באַרדיורן. א ברייטער
באַרדיור קאַנטעוועט ארום די טאפּעטן פון סאלאן.
1932 "א געוועזענער אויפנאם-צימער. סאמעט-גרינע
געשטיקטע טאפּעטן, גאלדענע באַרדיורן, לאקירטע
דעבארקאדערן, אינקרוסטירטע טירן". ש. ברעגמאַן,
דורך קריג און רעוואלוציע, אדעס, ז' 133. 983

2. (טיפּאגראפיע) א באצירונג וואס נעמט ארום א
געדרוקטן טעקסט. % די זייטלעך פון דער הגדה
האבן שיין געצייכנטע באַרדיורן.

0 באַרדיור=קאַסטע -- די =ס. דער שופלאד ווו מע
האלט די באַרדיורן (ב 2). ?נ?

. 98 באר - 22.

ב א ר ד י ט ש ע ו ו - דאָס. פּפּ בערדיטשעוו. (גנ)
שטאט אין אוקראינע, געהאט א גרויסן יידישן יישוב;
באשריבן פון א סך יידישע שרייבערס, אונטערן אמתן
נאמען אדער אויסגעטראכטע ( למשל: גלופסק ביי
מענדעלען ). געווארן א שם=דבר פאר א טיפיש יידישער
שטאט, ספעציעל גענוצט שפּאַטיש דורך ניט-יידן.

... "און איך לוי=יצחק בן שרה מבארדיטשעוו [...]
זאג [...] ". פל. 987

..." און דו טעוול נעם [...] צענויף דיינע בעבעכעס
און פאַר [...] נא בארדיטשעוו ". שע, טביה דער
מילכיקער... [illegible] 1944 [illegible] 211

( שוו ) "באַרדיטשעוו איז שיין, וואלט עס נאר
מיין געווען". | מטוטש 476 |. 988

ב א ר ד י ט ש ע ו ו ע ר -- דער, בא. געמיינט
ר' לוי-יצחק בארדיטשעווער, דער בארימטער צדיק
און חסידישער רבי ( 1740 - 1809 ) וואס איז געווען
אויך בארדיטשעווער רב. % דער בארדיטשעווער
פלעגט אפט מתפלל זיין אין יידיש=לשון. חסידים
האבן זיך דערציילט מעשיות פון בארדיטשעווער,
ז"ל, פון זיין אהבת ישראל.

1942 " באמת איך גיב אוועק די אלע אזוי גערופענע
גענזפיסלדיקע 'סינאגאלער שאפונגען' פאר איין
'רבונו של עולם' פון בארדיטשעווער!". א. שטענצל,
זש יידיש !!, לאנדאן, ז' 143. 989

"גאט זאל אפהיטן פאר בארדיטשעווער נגידים און פאר
אומאניער חסידים, פאר קאנסטאנטינער משרתים און
פאר מאהילעווער אפיקורסים, פאר קאמענעצער כאדאטאיעס
און פאר אדעסער הולטייעס ". [קטוו].

99 באַר -

באר - [redacted].

באַרדין -- דער, =ען. (לאקל, טשעכאנאווצע, בריסק)

געשוואלן ווי א באַרדין/באַרדינען. (וועגן פיס).

1961 " איך געדענק עס בלויז אין אויסדרוק: "די פיס זיינען געשוואלן ווי באַרדינען, ד"ה, שטארק געשוואלן".

ד. ערליך, יישפ [crossed out] - 1, נ"י, ז' 20. ] אפשר א קארומפירטער פורעם פון 'בארנארדינען- מאַכן פון באַוווסטן אַרדן, באטייט: דיק, גראב ווי יענע מאנאכן.| רעד פון יישפ ].

רעדי: נייטיק 13 גימלען פאר באַרדינען?

באַרדינגהויז -- דאס, מצ באַרדינגהייזער.

( אמ, נא ) וווינונג, דירה וואס ווערט פארדונגען

פאר קוואַרטיראַנטן, טייל מאל מיט קעסט.

"שבת נאכן אוונטברויט איז דאס 'באַרדינגהויז' 1928

געבליבן ליידיק". אפא, X, ז' 17.

13 ב. 99

באָרדיע -- דער, =ס. ( שלאש, לאקל, ווו? )

"אך איבערגעוואקסענער גמרא=תלמיד"א [קטוו].

באָרדיערע -- די, =ס. פֿפֿ באָרדירע.

דזוו באָרדיור.

1925 " א שווארץ טוך-אדריען=קלייד [...], א האלבן

מעטער טיף, סאמעט=באָרדיערע |...| ". ז. מוירער,

זיי נישט [...] !!, טארנאוו, ז' 44.

" א שווארץ זיידן=קאזשמיר=קלייד [...] מיט א באָרדירע

פון סאמעט=באנדעל [...] ". דצוו.

.100

ב אָ ר ד י ק -- אדי. 1. באוואקסן מיט א באָרד.

א באָרדיק פנים. באָרדיקע און אפגעריסענע יונגען שלעפן זיך ארום איבער די וועגן.

1911 " דאס זינגט יונה דער בעדער, א ייד אן אטלעט,
א באָרדיקער, א האָריקער, א געלער ". שע, ארעמע 880
און פריילעכע !!, ...

1972 " ער האט ארויסגעלאזן אזא קרעכץ פון צווישן
די באָרדיקע ליפן [...] ". ח. ראזענפארב, בוים 884
פון לעבן !!, ת"א, ז' 648.

2. וואס זעט אויס ווי א באָרד ( אויך פיג ) % באָרדיקע וואָרצלען. [סטוטש 249] דער ווייץ צעוואקסט זיך מיט באָרדיקע זאנגען.

1967 " איך האב מיט א מאל אין גרינעם געזיכט פון א
דעמבענעם בוים // |...| דערזען |...| - א באָרדיקער 881
בארג איבער נאכטישן תהום ". יפ, ליבשאפט, ת"א, ז' 48.

3. ( פיג ) אלט, פארעלטערט. % א באָרדיקער וויץ.

1947 " האט אויסגעקראצט אין פּאַס די אמתע יארן און
ארייגעשריבן די נייע, באָרדיקע יארן ". סעג, 885
געברענטע ערד, ב"א, ז' 131.

באַרדירן -- טרוו. 1. (עלט) האפטן, אויס-
נייען, באפוצן מיט האפט, מיט אויסנייעכץ.

"... דאס באַרדירטע סאמעטענע זעקל-מעשה קינסטלער".
א. זוהל, יינגל XV.

2. (דרוקעריי) ארומזוימען מיט ארנאמענטן א געדרוקטן
טעקסט". [קטוו].

3. (רעג, פראנקרייך, ביי יידן פון לעדער=בראנזשע).
1015 "איינשלאגן, איבערבייגן דעם קאנט פון א צוגעשניטענעם
שטיקל לעדער לויט דעם מאדעל" [קטוו].

ם באַרדירן/בורדירן.
-------- 1.

1764 "די לייט אין דיזי צייט ליסין איר בילטנוס אויז
1011 מאלין אונ' באַרדירן אויף איר קליידר פון וועגן איר
גרושי שונהייט". יוסיפון, פיורדא, דף ד'.

|| באַרדירר - דער וואס באַרדירט.
1767 "רקם א. מעשה אורג ורוקב. גוועבט. באַרדירט.
1012 בונט. באַרדירר". שובו, אמשטרדם, תקכ"ז.

0 באַרדיר ווערק -- באפוצונג, ארנאמענט (אין דרוקעריי).
1716 "האט ער אים ברייט דיא האנט אונ' די פינגר
דר מיט צו קענן צייכנן אונ' איין רעכטי שריפט
צו מאכן [...] אונ' בורדיר ווערק". חה"ז,
אמשטרדם, דף מ'.

באַרדירער - באָרדירער

102 באר -

ב א ר ד ע -- די, =ס. פפ בארטע. א העקל
( קליינע האק ) מיט א קורץ הענטל וואס טעסלערס,
באנדערס און סטאליערס נוצן אויף ארומצוטעסען האלץ;
אין געוויסע געגנטן - אויך א קצביש העקל.
% א שארפע בארדע . דער טעסלער האט איינס=צוויי
ארומגעטעסעט די קלאץ מיט זיין בארדע.
1874 " אין מיטן פון דיזם צימער [...] איז געשטאנען
א בעט [...] זי וואר געמאכט אויף קינצלעכע שרויפן 1382
[...] עס ווארין דארטן אויף בארטעס און העק ".
אמ"ד, דער קליינער בעל תשובה, ווארשע,
" האט די האק געבוירן: זעקס העקלעך און דאס
זיבעטע א בארדעלע ". א. שטיינבארג, די סוכה=שער, 1021א
מייסעלער,

ב א ר ד ע I - די, בא. פפ בורדע. „דער אנווער,
דאס פארשפילן, ס'רוב אין קינדערשפילן, ווי
"צאק=צאק", אין שטיינדלעך אע, ווען מע פארלירט,
הייסט עס האבן/קריגן די בארדע. געבן עמעצן די בארדע"
מאכן ער זאל פארשפילן; איין שפיל האט מען טאקע גערופן
" איזשע=מיזשע=בארדע" [קטנה]. מאכן א בארדע -
געווינען אין דער שפיל" [קטוו]
..." האסט זיך אויסגעמעקט פון דעם קעסטעלע ? -
שטעל אריין מיין רינגעלע, מאך איך איקס=מיקס=דריקס
און גיב דיר א בארדע ". [ קטוו, הענעך האלפערן,
גאליציע ].

ב א ר ד ע II -- דער, =ס. ( רעג, אונגערן )
גראבער יונג, עם=הארץ.
1939 " בארדעס! שקצים! לײדאקעס! - האט ער אנגעהויבן
צו שרייען [...] - איך וועל אייך לערנען פוילישן 1041
דרך=ארץ ". ה. אפשאן, בית ישראל - וויזשניצער

באַרדע -- די, =ס. פּפּ באַרטע. א העקל

( קליינע האַק ) מיט א קורץ הענטל וואס טעסלערס,

באַנדערס און סטאָליערס נוצן אויף ארומצוטעסען האלץ;

אין געוויסע געגנטן - אויך א קצביש העקל.

% א שארפע באַרדע . דער טעסלער האט איינס=צוויי

ארומגעטעסעט די קלאץ מיט זיין באַרדע.

1874 " איך מיטן פון דיזם צימער [...] איז געשטאנען

א בעט [...] זי וואר געמאכט אויף קינצלעכע שרויפן 1382

[...] עס ווארין דארטן אויך באַרטעס און העק ".

אמ"ד, דער קליינער בעל תשובה, ווארשא,

" האט די האק געבוירן: זעקס העקעלעך און דאס 1936

זיבעטע א באַרדעלע ". א. שטיינבארג, די סוכה=שער, א/1021

מייסעלעך.

באַרדע ! - די, בא. פּפּ בורדע. „דער אנווער,

דאס פארשפילן, ס'רוב אין קינדערשפילן, ווי

"צאק=צאק ", אין שטיינדלעך אע, ווען מע פארלירט,

הייסט עס האבן/קריגן די באַרדע. געבן עמעצן די באַרדע" —

מאכן ער זאל פארשפילן; איין שפיל האט מען טאקע גערופן

" איזשע=מיזשע=באַרדע". [קטוו]. מאכן א באַרדע -

געווינען אין דער שפיל"

..." האסט זיך אויסגעמעקט פון דעם קעסטעלע ? -

שטעל אריין מיין רינגעלע, מאך איך איקס=מיקס=דריקס

און גיב דיר א באַרדע ". [קטוו, העניעך האלפערן,

גאליציע].

באַרדע !! -- דער, =ס. ( רעג, אונגערן )

גראָבער יונג, עם=הארץ.

1939 " באַרדעס! שקצים! ליידאקעס! - האט ער אנגעהויבן

צו שרייען [...] - איך וועל אייך לערנען פּוילישן 1041

דרך=ארץ ". ה. אפשאן, בית ישראל - וויזשניצער

רבי'ס הויף, סיגעט - מאראמערוש, ד' 226.

באָרדן - אוטור. (אמ, נא) ווױנען, זײַן אױף קוואַרטיר.

1911" אָי! עס קומען אַרױס פּיל אומגליקן פון דעם, וואָס זײ מוזן דאָ יאָרן לאַנג פאַרבלײַבן אַלײן, אָן זײערע װײַבער, און זײ באָרדן צוזאַמען". י. גאָרדין, אין אַ הײם, נ"י, ז' 48.

1017

104 באר - 7

פפ[?]:

ב א ר ד ע י -- דער, =ען/עס, [?] ?באַרדיי/

בורדיי/ בורדעי (רעג, מאלדאוויע) ערדשטיבל,

ענלעך צו דער רוסישער "זיעמליאנקע". % ער איז

אזוי ארעם, אז ער וווינט אין א באַרדעי. די דעכער

פון די פויערישע באַרדעיען זיינען פון שטרוי.

1893 " איין איינפאכער באַרדיי מיט ערד געדעקט, צוויי

? 1029 פענצטערלעך [...], צום אריינגיין [...] האט מען

זיך געדארפט גוט איינבייגן ". י. ארנשטיין,

רעיונות ישראל, יאס, ז' 37.

1935 " זענען געגאנגען מרידות [...] אין געשריי: מירן

1030 אראפווארפן דעם נייעם עול! פון אויסגעהונגערטע

דערפער, פון איינגעפאלענע באַרדייען ארויסלאזן אלע

באוואפנט". י' טראכטנבערג, אויף באסאראבער ערד,

סיגעט, ז' 53.

1945 " אין נאסע בורדייען [...] // גריבער=שטיבלעך,

3993 געדעקט מיט ערד און שטרוי ". אפא, יעקבס געצעלטן,

נ"י, ז' 161.

רעפֿ: [illegible] Borday [illegible]

|| באַרדעיקל, באַרדעטשיק(ל) - פקפּ פֿון באַרדעי.

1893 " אין א קליין באַרדעיקל האט מען געזען ארומדרייען

1032 איינע אפגעריסענע, פארשמאלצעוועטע פרוי ".

י. ארנשטיין, רעיונות ישראל, יאס, ז' 25. [=בליבעלע]

1893 " גאר אין עק זעט מען קוים שיינען א לעכטל דורך

? 1031 די פארגעלטע שויבן פון דעם בית=המדרש, און טאקע

דא נעבן מעהעט | ? | די פעדערשטע ווייסע וואנט

פון מיין רבי'ן ר' דודס באַרדעטשיקל". בן=עמי,

די ערשטע נאכט פון חנכה, אדעסע, [illegible].

.105

באָרדעל -- דער, =ן, ווייכער ל, פּפּ בורדעל.

שאנדהויז, פראסטיטוציע=הויז, (~~פריילעך~~ הייזל).

1951 " שארף איז געשטאנען דער וועד קעגן די קבצנים

און שלעפּערס, וואס פלעגן אפּטאן מיאוסע מעשים 1037

[...] א סך פון זיי פלעגן פארוויילן אין שענקען

און באַרדעלן ". ש. ווישניצער, ליטע I, נ"י, ז' 170.

~~2. בעל=הבית פון א באַרדעל.~~

באַרדעל=

= ניק - דער, =עס. ( וואָלג ) 1. סוטענער, אלפאנס,

באַנדער, סטוטש 597 .

2. פּפּ בורדעלניק, בורדיעלניק. בעל=הבית פון א באַרדעל.

1910 " [...] די בורדיעלניקעס, וועלכע זענען [פריער]

געצווונגען געווען אויסצוהאלטן טאַפּערן [מוזיקאנטן- 3999 בור

פיאניסטן], [...] זענען פשוט ניצול געווארן דורך

דעם אויטאמאטישן גראמאפאן ". פ. מינקאווסקי,

מאדערנע ליטורגיע אין אונזערע סינאגאגעס אין רוסלאנד,

אדעס, ז' 28.

.106

באָרדער - דער =ס. (אמ) קוואַרטיראַנט, ס׳רוב אזא, וואס דינגט זיך אן אויך מיט קעסט און באַדינונג.

% די טענעמענט=הייזער זענען אָנגעפּיקעוועט מיט באָרדערס, ניי=געקומענע אימיגראַנטן.

[189...] " נעם דריי באָרדערס אין דיין הויז, //
1044 קאָך און וואַש פאַר זיי נאָך אויס // זיי א מוטער
און אן אַם // וועסטו פילן פון א טעם ". אננא
ראַפּאַפּאָרט, ציט מינפּי !!! , נ"י 1956, ז׳ 72.

~~1903 " אַזעלכע קוואַרטיראַנטן זיינען באַוווּסט היער~~
~~1045 |דא| אונטער דעם נאָמען באָרדערס און צווישן~~
~~די יעזע | די | חברה זיינען דא פילע פאַרדאַרבענע~~
~~קערלעך ".~~

1928 " סאַשע האָט זיך נישט וויסן געמאַכט וואָס זיין
1047 באָרדער ( שכן ) איז אין כעס ". אפּא !!!, ווילנע,
ז׳ 26.

||קע= די, =ס. וול (3) באָרדער

1927 " צו וואָס האָט איר באַדאַרפט קומען אַהער, זיין
1046 א באָרדערקע ביי מיסטער דאַן?". הל, באַנקראָט,
ווילנע 1927, ז׳ 45.

[364 66160]

באָרדעראַ - | די ? |, =ס| דאָקומענטן=בוך.

1960 " די ווילנער און די טענעמענט=הייזער זיינען געווען ענג און אָנגעפּיקעוועט מיט באָרדערס". ר. ווינקלמאַן, פּאָלק 13/3.

ב אַ ר הַ אַ ב ע ד י ק -- -----< **באַרהײפּטיק.**

ב א ר = ה ג ו ל ה | בעער=האַגוילע | - דער, בא.

אײנער פון די נעמען ( טיטלען ) מיט װעלכע מע

רופט אָן דעם באַרימטן רב פון פּראַג, רבי יהודה ליװא

בן בצלאל ( דער מהר"ל, 1515 - 1609 ) לויטן טיטל

פון ספר זײַנעם "באר הגולה", א פּירוש אויף די אגדות

פון דער גמרא.

.... " רבי שלמה זלמן האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים

מפרנס זײַן פון דעם געלט, װאָס זײַן זײדע דער

באר=הגולה האָט איבערגעלאָזט אויף קרן=קימת ".

א. לאַנדא, ס' הדרת אליהו, װין, ז' 15.

באַרהאַפּטק / באַרהאַפּטיק -- ←----

באַרהייפּטיק.

באַרהייפּטיק -- אַדיִ / אַדוו, 1. (אַדס)

מיטן הוילן קאָפּ, אָן א קאַפּצודעק, בגילוי=ראש.

[פון 'באַר הויפּט' (קאָפּ), אַנאַלאָגיש צו 'באַר פוס' (באָרוועס); אין געוויסע מקורים שטייט באַרהאַפּטיק: פאַלקסטימלעכער ארויסרייד? גרייז פון דרוק אדער פון איבערשרייבער? ביי אויוו - באַרהייפּטיק.]

1842 " איך האב אויף מיר ארויסגעכאפּט דאס קלייד, און אבי איך גיי ניט באַרהאַפּטיק, האב איך אין דער פינצטער געכאפּט דעם ספאַדיק ". י. אקסענפעלד, געגנאַרטע וועלט, ציט סאוועטישע אויסגאַבע, 1931, ב' 1, ז' 287.

1926 " געוואלד ! ווייבעלעך [...] גיכער, איך שטיי דאך א באַרהאַפּטיקע!". י. קאַפּעלאָוו, א מאל איז געווען, ציט זב באָברויסק [?], ז' 235.

2. (פיג ?) וועגן א בוים ) הויל, אָן בלעטער.

1910 " שיין איז צו זען, ווי די קרא טרייסלט אפּ די זיבערנע ברעקלעך פון אירע שווארצע פליגל אויף א באַרהאַפּטיקע ווערבע ". מר I, נ"י, ז' 342.

ם בר הויבטיג / באר הייבטיג / בר הייפּטיג

←------ .1

1544 XVI " דא זיא [די אנשי בית=שמש] שריין אלזוא בר הויבטיג הטן גיזעהן // דארום דען זעלבן לויטן ויל לייד ווש גישעהן ". שמואל=בוך, פּערז 112.

1599 " דא האב איך מיך אום גיזעהן וויא ר' ראובן איז בר הייבטיג גייזעשין אונ' זייך היטל איז ור ר' אליקים גילעגן ". שו"ת מהרש"ל, לובלין, ציט הש I.

1676 " אונ' דאש זיא דען קאפפ מיט דר הנט צו דעקט
רעכנן עש דיא חכמים אז בר הייפטיג וויל זיא דאש
פויר טוך אויף דען קאפף ליגן'. ברנט שפיגל,
פפדם, פרק יד.

1701 " דר נאך רייסט דער כהן איר דיא שלייאר ווידר אפ
פון אירן הויפט דז זיא פר אידר מאן באר הייבטיג
מוז שטין ". מעשה בוך, 2 מעשה קי"ח, אמשטרדם.
תס"א.

באר היי פ ט י ק -- ------ בארהייפטיק.

ב א ר ו -- דער, בא. רו, מנוחה.

" מאך דיינע אייגעלעך צו, // שלאף איין דיין בארו". פל

ם | בארויעך | ב א ר ו א ה ן / ב ר ו א ה ן - טרוו (גלש)
באקוקן, זען פון אלע זייטן.

1736 " עז איזט מיר חשך אויבר בא גיוועזן עס צוברואהן".
קאל, רוב,, איך דייטש: "Ich habe lust bekommen es zu besehen"
| קאלענקעס טייטש ? |.

בצא 22
110.

באָרוּוקע -- די, =ס ( ארויסגערעדט אויך באַרעווקע/באַראווקע. 1. א פלאנץ (Vaccinium vitis idaea) פון דער משפחה Ericaceae (אנדערש גערופן ברושניצע ); א נידעריקער קוסט מיט אייביק גרינע בלעטעלעך; בלאס=ראזע אדער ווייסע בלימלעך אין הענגלעך, די יאגעדעס רויטע, טויגן צום עסן; וואקסט אין נאַדלדיקע אדער געמישטע וועלדער.
LP: borówka.

2. די יאגעדע פון דעם באָרוווקע=קוסט ( אנדערש גערופן: ברושניצע). % פון אונטער דיביימער האבן ארויסגעקוקט א סך רויטינקע באַרגווקעס. די מאמע האט געמאכט איינגעמאכטס פון באָרוווקעס.

1952 " באַראַווקעס ( די, מיט אן u =קלאנג נאך דער ר )". ~~באבראַק~~, יישפ XII -2, ז' 61.
ב. ראבאק,

3. א פלאנץ (Vaccinium myrtillus), נידעריקער קוסט מיט לעבעדיקע בלעטער, וואס פאלן אראפ צו ווינטער די יאגעדעס שווארצע, גוט צום עסן.

4. די יאגעדע פון דעם קוסט ב 3(אנדערש גערופן שווארצע יאגעדעס, אויך טשערניצעס, סיניצעס ) % די קינדער קליבן שווארצע באַרגווקעס אין וואלד. באַרגווקעס מיט סמעטענע איז א גוט מאכל.

1927 " ארומגעקראכן [...] אין וואלד גאנצע טעג, געקליבן שוואמען און באַרעווקעס |...|". יז, שטאל און אייזן, ווארשע, ז' 270.

1944 " באַראַווקעס ( די ) - שווארצע יאגדעס, פון פויליש borówka " ר. מאהלער, יישפ IV, 3 - 6.ז' 71.

0 באַרוווקע=קנישל - דאס, =עך.

1956 " די מאמע ע"ה האט ניט געמאכט סתם קנישן און קנישלעך, נאר אזעלכע מינים: קארטאפל=קנישלעך, [...] באַרוווקע=קנישלעך ( געפילט מיט שווארצע יאגדעס.)" ב. ראבאק, יישפ XVI - 2.

.111 באר -

ב**אַ**רווינעק -- **דער**, **מצ** **בארווינקעס**. געוויקס פון דער משפחה Apocynaceae, וואקסט נידעריק ביי דער ערד, האט אייביק גרינע בלעטלעך און בלויע בלימלעך; % א בוקעט פון שמעקדיקע **בארווינקעס**. מע האט פארפלאנצט עטלעכע קוסטעס מיט **בארווינעק** אין גערטל׳. ( Vinca ווינקע) < P: barwinek.

1949 " ס׳האט זיך צעצוויגט, צעבליט דער פרילונג אין מיין בלוט // מיט ארשנבוים=ווייסקייט און בלאעם **בארווינעק** ". **ר. קארן**, **באשערטקייט**, **מאנטרעאל**.

ב**אָ**רוויצע - **די**, =ס. **דזוו** **בארביצע/בארבעצע**.

[1842 ?] " [...] וועלן מיר אין אונטער=שטיבל אויף קוועטשן דעם האניק, וועט זיין מעד צו בריען און **בארוויצע** וועט אויך זיין, וועט מען מארגן טאקע קאכן ".

**י. אקסענפעלד**, **די גענארטע וועלט**, **ציט סאוו׳ אויסג׳** 1931, ז׳ 273.

ב**אַ**רוויק **I** -- דער. ---> **בארווע**.

ב**אַ**רוויק **II** -- **אדי / אדוו**. וואָרסיק. ניט גלאט, מיט הערלעך [**סטוטש** 164].

ב**אַ**רווע **I** -- **די**, =ס. 1. וואָרסע, דינינקע הערלעך אויף געוויסע טעקסטיל=שטאפן ( סאמעט, פליוש **אע** ). [**סטוטש** 524, **ל** 2].

2. „הערלעך=אַפּפאַל ביים שריקן" [**קטוו**].

3. „זייער דינע הערלעך אויף דער הויט ( פעל ) פון געוויסע בעלי=חיים".

1968 " אין פעלצל פון הערעלעך טויזנט // האט איבער

דעם וועגברייט געפויזעט // א קריכערל, שטעביק מיט 1090

בארווע [...] " לע, אפקלייב, נ"י, ז' 284.

4. דינינקע הערעך אויף דער אייבערפלאך פון געוויסע

געוויקסן ( אויף די בלעטער, שטענגלעך ),

אויף דער שאלעכץ פון פרוכטן אע..

1949 " הארבסט. בלעטער לייגן זיך שארלעך רויט, // אויף

לאנען וויאנען די גראָזיקע בארוועס ". ש. מאלץ, 1092

דאס געזאנג פון איוב, נ"י, ז' 50.

5. ( ארט ) שאל, קאפצודעק .

" בארווע - א שווארצע זיידענע שאל, וואס פריער

האבן געטראגן אויפן קאפ ". ר. מאהלער, יישפ IV, 1094

3 - 6, ז' 67.

ב אַ ר וו ע II -- די, =ס. ( פּאל, נא ) 1. קאליר.

1958 " יאנקל האט חיימען אריבערגעשיגן אין אויפטו.

פאמעלעך האבן זיי אנגענומען אן אנדער בארווע. 1095

דער האט שוין געהייסן כאקאבא, און דער אנדערער

האט זיך געלאזט רופן ענריקע ". י. אקרוטני, זשאַק,

נ' 32, ז' 197.

2. אפשיין, מיניענדיקער גלאנץ אויף א שטאף, אויף דער

הויט ( פעל ) קטור.

3. ( מוזיק ) ניואנס פון א טאן, פון א שטימע.

4. ( פיג, ארט ) "קאליר, צייכן, סימן כאראקטעריסטיש

פאר א גרופע מענטשן, ארגאניזאציע, מיליטער=טייל אע;

אויף די אוניפארמען פון אזא גרופע. בארוועס פון די

דראגונען, הוזארן ".

בויגן 113

בטעות ניט נומערירט.

~~בל~~3 זײַט.

114 באר

באָרוועס I -- אדי / אדוו, 1. (זן) באָרפֿוס/

באָרפֿיס. מיט הוילע פיס, ניט אנגעטאן אין זאקן,

שיך אא. % דער באָרוועסער בעטלער. די באָרוועסע

פויערטע. די קינדער שפרינגען ארום באָרוועס

~~אוך האלב נאקעט~~ אונטערן זומער=רעגן. זי האט זיך

פארשטאכן דעם באָרוועסן פוס.

... " ער וועט גיין בעסער מיט אויסגעטרעטענע פיאטעס,

אדער באָרפֿיס ~~אדער~~ ווינטער אין דעם גרעסטן 1100

פראסט ". ממוס, שלמה ר' חיימס II, ציט אויסג

ווארשע, 1912. ז' 109.

1928 " דער באָרוועסער ישראל איז געבליבן זיצן אויף

טעלעכע אסלען |...| ". אפּאָ VI, ווילנע, ז' 174. 1104

1970 " א חוץ דער וואָסנדיקער מחנה פון הונגעריקע,

נאקעטע, באָרוועסע און קראנקע יידן [...], איז שוין 1108

אין ווינטער 1939 צוגעקומען די אויסטערלישע נויט

פון די ' אויסגעזידלטע' קיין סאנץ". ~~נעד ר. מאהלער~~

יזכּר סאנץ, ת"א, ז' 739.

2. ( פיג, בוטולדיק ) ארעם, קבצניש. % די באָרוועסע

שניידערס און שוסטערס ווילן אויך האבן א דעה ביי

קהל? אט דער באָרוועסער שלעפּער איז נאך א חוצפּהניק

אויך.

||דיק= - אדי/ אדוו. דזוו דפוו.

1936 " און קומען וועט ער צו דיין שוועל מיט באָרוועסדיקן

שפאן [...] ". סוצ, ציט פֿון I, ת"א, 1963, 1109

ז' 74.

יק= אדי / אדוו. דזוו דפוו.

1935 " גייט ער נאך באָרוועסיק [...] ". נאד, טעג פון

מיינע טעג, נ"י, ז' 63. 1110

(?נ?) =ן (ענע) אדי (זן) דזוו דפוו. % א באַרוועסן
יינגעלע. באַרוועסענע קינדער.

1925 " ווי דער ראש=ישיבה האט דערזען דעם מבין,
1103 א פּאָר באַרוועסענע פּיס [...] איז דעם ראש=ישיבה
פינצטער געוואָרן און די אויגן ". ז. מוירער, זיי
נישט [...] !!, טאַרנאָוו, ז' 14.

=ערהייט -- אדוו. אין דעם מצב פון זיין באַרוועס.
% באַרוועסערהייט האט ער דורכגעמאַכט דעם לאַנגן וועג.
1911 " [...] און קלערט ווי אַזוי אַראָפּצוגייין ערשט
1111 אויף דער פאָדלאָגע באַרוועסערהייט פון אונטערן
וואַרעמען איבערבעט אַרויס ". ווייס, גש !, וואַרשע,
ז' 21.

1951 " ס'האט זיך מיר ניט איין מאָל אויסגעדאַכט, ווען
1112 איך האָב באַרוועסערהייט געקלעטערט צווישן די
זאַמדבערגלעך [...] ". ימ, זב ליטע !, נ"י, ז' 1960.

=קייט -- די, בא. דער מצב פון זיין (גיין)
באַרוועס, דאָס ניט האָבן אויף די פיס קיין שיך,
זאָקן אע. % באַרוועסקייט איז א מעלה נאָר זומער.

באַרוועס און נאַקעט (נאַקעט און באַרוועס) -
אָפּט געניצט ווערטער=פּאָרל: 1. אין גאַנצן אויסגעטאָן;
אָן בגדים און שיך.
... " און אַזוי ווי איך בין באַרוועס, נאַקעט, אין איין
1116 העמדל, האַלטנדיק איין האַנט אויפן קאָפּ, קיין צייט
ניט האָבנדיק אויסצוזוכן און אָנטאָן די יאַרמלקע
[...] ". ממוס, דאָס קעלבל, צימ אויסג אַלע ווערק,
וואַרשע 1913, ב' VI, ז' 6.

2. קנאפ אדער שלעכט אנגעטאן; אפגעריסן=אפגעשליסן, קבצניש.

1895 " די קינדערלעך |...| נאקעט און בארוועס, קוקן
1117 ארויס נעבעך אויפן טאטן ". שע, טוביה, ציט
.18 אלע ווערק, נ"י 1944, ב' וו"ב, ז' 18.
1968 " די לאגעריסטן [...] האבן געמוזט שווער ארבעטן,
1118 ליידן הונגער און נויט, ארומגעגאנגען בארוועס און נאקעט, פארשמוציקטע און פארלייזיקטע".
ב. ארענשטיין, יזב אטוואצק, ת"א, ז' 835.

3. ארעם, אן פארמעגן, אן מיטלען צום לעבן. % מען האט אים צוגענומען דאס גאנצע פארמעגן און געלאזט בארוועס און נאקעט.

שוו: אלע שוסטערס גייען בארוועס - געזאגט אויף עמעצן, וואס פארמאגט ניט דעם פראדוקט פון זיין ארבעט, געמיינט ס'רוב צוליב ארעמקייט.

אז מע קוקט ארויס אויפן שווערס שטיוול, גייט מען בארוועס - מע דארף אליין ארבעטן און ניט פארלאזן זיך אויף עמעצנס חסד און הילף.

ווער ס'גייט ארום אן אוואר=ווארט, ווער סוף=סוף=כל=סוף ארומגיין באר=בארוועס - דאס ליגן זאגן ברענגט איך לעצטן סך=הכל צו א מפלה, דער ליגנער ווערט אויפגעדעקט.

פּוּל: דעריבער גייען די קאטשקעס בארוועס (און די גענדז אן פלודערן) -- געזאגט איראניש ווען עמעץ ברענגט א ראיה (באווייז, ארגומענט) וואס איז ניט לאגיש, וואס קלעפט זיך ניט.

וואריאנט: דעריבער גייען די גענדז בארוועס (און די קאטשקעס אין רויטע שיכלעך).

.117 באר -

אלע קאטשקעס גייען בארוועס - ס'איז איינס און דאס
זעלבע; איינער איז גלייך צום אנדערן; אלע טוען דאס
אייגענע.

קומען ( אוועקגיין ) א בארוועסער צו גאט - שטארבן.

א בארוועס פנים - חוזק=ווארט פון די פרומע אויף
א געגאלטן פנים פון א"פרייען", אן אפיקורס.

אדם נאקעט , חוה בארוועס - שפאסיקער צוגאב צום זאג
" ער גייט ארום"אדם=נאקעט".

ער האט געענדיקט אכט קלאסן בארוועסערהייט - שפאטיש
אויף איינעם, וואס מאכט זיך פאר א געלערנטן; דא
איז אן אנווייז אויף דער שפיל " אין קלאסן"א
( קעסטעלעך געצייכנט אויף דער ערד ) וואס קינדער
שפילן אפטמאל בארוועסערהייט.

איינגלייבעניש: אין דער פרי טאר מען ניט גיין בארוועס.

ער גייט דייטש מוטער בארוועס - |סטוטשקא 360| ~~אין אפטייל~~
"לערער ~~תלמיד~~.

~~באם: איך האב ניט געהערט, ווייס ניט דעם מיין!~~

סטראגע געפירט און בארוועס געגאנגען.

1941 ~~מחבר ?~~, דער קרימער מארשעליק, [...], לעמבערג,
ז' 47.

.198 באר -

... " פאר דעם רבי משה=לייב איז רעכט געוועז צו האלטן

1942 פסח און אן אנדער שטאט, נאר זיין רביצין האט

די זאך שטארק באַריִרט ". [illegible] ס'שבחי רמ"ל,

לעמבערג, ז' 27.

1900 " עס האט אים גארניט באַריִרט די שרעק ". אלפס,

א/1942 הערצליכע ליבע !, ווילנא, ז' 225.

8. ( אַלט ) עמאציאנירן, ארויסרופן א שטארק געפיל;רירן.

1875 " דער יונגלינג האט דערפילט צוויי הייסע טראפן,

וועלכע זענען פון אירע אויגן אויף זיין האנט געפאלן.

דאס האט אים אזוי שטארק באַריִרט, אז ער האט קיין

ווארט נישט געקענט ארויסרעדן ". איבז הנ"ל,

[ מחבר ? ], שולמית [...], לובלין, ז' 25.

באַריִרן זיך -- רעפל, אין די בב 2,1.

1950 " [...] צו [...] פארוויגן [...] מיט דער דורכליכטיקייט

1946 פון ווערטער, וואס האבן זיך קוים באַריִרט, און

באַריִרנדיק זיך, האבן זיי קוים אנגעשאטנט א הויך

פון א מיין". יג, אין תוך געמען, ני"י, ז' 144.

1949 " איך האב געוואלט מיט עפעס ארייננדרינגען אין

1947 אומגליק, [...] באַריִרן זיך מיט די יסורים ". סעב,

מיינע זיבן יאר [...], ב"א, ז' 145.

||=לעך -- אדי. וואס לאזט זיך באַריִרן, וואס איז

מיגלעך צו ברענגען ( קומען ) אין קאנטאקט.

=לעכקייט -- דעי, בא. די אייגנשאפט צו קענען

קאנטאקטירן ( זיך).

=נדיק -- אדי. וואס רירט אן, קומט אין קאנטאקט.

% ( מאטעם ) באַריִרנדיקע ליניע, באַריִרנדיקע פלאך.

[ סטוטש 54 ].

נ י ט  ב א ר י ר ן  ק י י ן  פ ל י ג  א ו י ף  ד ע ר  ו ו א נ ט.  –  נ י ט
ט ש ע פ ע ן  ק י י נ ע ם,  נ י ט  א נ ר י ר ן,  נ י ט  ב א ל י י ד י ק ן,  ז י י ן  א י ן
ג א נ צ ן  א ו מ ש ע ד ל ע ך.

1883 " [...] א י ך  ב י ן  א  ש ט י ל ע ר  י י ד  ( ו ו ע ן  ע ר  ש ל א פ ט ),
1951 א י ך  ב א ר י ר  ק י י ן  פ ל י ג  א ו י ף ן  ו ו א נ ט ". מחבר ?
ד ע ר  ר י י ז ע נ ד ע ר,  ו ו א ר ש א,  ז׳ 13.

ם  ב י ר י א ר ן

.1 <-------

1679 " א ו נ׳  נ ע מ ט  א י י ן  ב י נ ט ל י י ן  א י ס ו פ  ק ר ו י ט,  א ו נ׳
1952 ט ו נ ק ט  ד א ש  א י ן  ד א ש  ו ו א ש  א י ם  ב ע ק י ן  א י ז,  א ו נ׳  ב י ר י א ר ט
ד א  מ י ט  א ן  ד י א  ע ב י ר  ש ו ו ע ל [...]".  ב ל י ץ,  ש מ ו ת,
י ב  –  כ ב.

.9  ק ו מ ע ן  א י ן  ס ע ק ס ו ע ל ן  ק א נ ט א ק ט.

1679 " א ב י מ ל ך  א ב י ר  ה א ט  ז י א  נ י ט  ב י ר י א ר ט  [...]".
1953 ב ל י ץ,  ב ר א ש י ת,  ג – ד.

.200 . באר -

ב א ר י ש -- דער, =ן, פֿפֿ (לד) באַריס, מצ באַרישעס.

R: барыш (עלט) 1. ריווח, פּאַרדינסט, צולאַג.

1868 " שווער און שוויגער |...| האָבן אָפּגעגעבן זייער
משך קעסט פֿ באַרישאַס ". אמד, עוזר דינקעס און 1979
די ציג, ווילנע, ז' 4.

" דזיוועניסאַק און |...| וואַסילעסאַק, צוויי קהלות, 1878
וואָס זיינען ווילנע מספּיק מיט אייער, מיט דינסטמאַדן, 1979
מיט מלמדים, און ברענגען זיך אונטער דערצו אַלע
מאָל אַ טראַנספּאָרט אָרעמע בחורים אַלס באַריש".
דצוו, ז' 21. אמד, עוזר דינקעס..., ווילנע, ז' 21

2. (פּיג) דער " לחיים ", דאָס מאַכן אַ כּוסע, ס'רוב
געניצט וועגן אויסטרינקען נאָכן אָפּשליסן אַ געשעפֿט,
אַ קניה. % טרינקען (אַ) באַריש, מאַכן אַ באַריש.
די פֿערדהענדלערס גייען אין שענק אַריין צו מאַכן אַ
באַריש. נאָכן פֿאַרקויפֿן די פֿערד אויפֿן יאַריד.

1894 " שמייען [...] מיט קהלשע עסקים, ד. ה. אָרומשלעפּן
זיך מיט די פּיינע לייט, מאַכן באַרישלעך [פֿקפֿ] 1979/א
אויף קהלשן רעכענונג |...| ". י. גוידאַ, דער סאָוועסט
איז פֿערפֿאַלען, ווילנע, ז' 9.

1895 " אַז מען פֿאַרקויפֿט אַ פֿערד, געוויינטלעך מאַכט מען
אַ שנאַפּס, באַרישעס [באַרישעס] רופֿט זיך דאָס". ה. אַלטשולער 1818
[...], קלוג און גוט, וואַרשע.

1916 " די אָקסן נעכטן פֿאַרקויפֿט, און צוליב דעם טרינקען
זיי היינט באַריש ". ש. שעלובסקי, אינדערהיים, 1978
1916, נ"י, ז' 47.

1948 " אָרום לאַנגן באַלאַדענעם טיש // רעדן פֿון זומערס
שפֿע, // אַמאַליקע מערק און באַריש ". י. ראַלניק, 1977
געקליבענע לידער, נ"י, ז' 117.

.201 - באר

3.טרינקגעלט.

1969 "|...| מאַריטש און באַריש זיינען אויך אריבער אין
יידיש, אבער נאָר [?] מיטן באטייט : טרינקגעלט.
|...| פונעם אוקראַינישן "באַריש". מ. קאסאווער,
יישפ XXIX, ז' 9.

באמ: פון די פריערדיקע ציטאטן זעט מען בפירוש,
אז דער "נאָר" קאסאוורעס איז ניט ריכטיק.

באַרישניע -- די, =ס. ( רוסיז ) פריילין,
דערוואקסן מיידל ( טייל מאל איראָניש ). % זי איז
שוין א גאנצע באַרישניע - קליידט זיך לויט דער
לעצטער מאדע. די באַרישניעס רעדן נאָר רוסיש,
אנדערש פאסט זיי נישט.

R: барышня

" די ווייבער, ס'זאל אייך צו קיין חרפה ניט זיין,
1985 באַרישניעס -- האבן איך זיך אלע מאל איבערשפיצלעך"
שע, שווער צו זיין א ייד, ... ז' 88.

1935 " די מלחמה האט זיך געענדיקט, און איך האב דערלעבט
1986 צו זען א בריוו [...] מיט פאטאגראפיעס : די פרוי,
דאס צווייטע מיידעלע, אויך שוין א באַרישניע ".
מ. אלטמאן, די ווינער קארעטע, בוקארעשט, ז' 64.

1951 " טוט ער דערווייל אומישנע ניט אויס די בלויע
1987 הויזן [...] און דעם פאלטא מיט די גאלדענע קנעפ,
כדי שקלאווער באַרישניעס זאלן אים באוונדערן ".
זש, שקלאווער קינדער, נ"י, ז' 138.

באַרישניק -- דער, =עס. ( רוסיז, עלט )
הענדלער מיט אלטווארג, איבערפארקויפער פון
פארשיידענע זאכן פון דער צווייטער/דריטער האנט.

.202 .באר

1869 " ער איז א באַרישניק, דאס הייסט, ער קויפט און
פארקויפט אלטע וועשטשעס [=זאכן]". קמ, נ׳ 20, 232. 1993

1886 "... דעם נייעם קלאס בטלנים [...] קענען מיר
איינטיילן אין 6 קלאסן: אפעריסטן, עצות=געבער אדער 1994
פאלשע אדוואקאטלעך, כאַדאַטייעס [=שתדלנים], ווארא־זשביטן
[=זנאכערס], באַרישניקעס און טאשנציער". ייפאל,
נ׳ 7, ז׳ 100.

203. ‏- באר

ב אַ ר כ אַ ב ע -- ברוך=הבא.

ב אַ ר כ אַ ט -- דער, באַ. פּפּ בארכעט. 1. סאַמעט.

% א קלייד פון בארכאַט. אין דער שניטקראַם פּאַרקויפט מען זיידנס, בארכאַט און אנדערע טייערע שטאָפן.

1898 " זעקס יאָר האָט מען לעאַנען געקליידעט אין וואַלגס, זיידנס, אַטלעס און בארכעט, מען האָט אויף אים אָנגעהאַנגען, אָנגעשטעפּעט מלבושים פון כל המאָדעס".
ג. ח. לעוונער, דיא געבילדעטע שוסטערקע, ווילנא.

2. דזוו בארכאַן.

1836 " כדי ניט צו פאַרקילן און צו שטאַרקן דעם בויך, זאָל מען אים אַרום בינדן מיט איין באַנד פון דינע לעדער אָדער בארכאַט ". מ. בערלאַנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנא, ז' 12.

1934 " ווי א באָבע פון אכציק יאָר: // איר הילוך - א באַרג פון קלייד אויף קלייד // איבער בארכעט=הויזן א פּאָר". מלה, ב' I, נ"י, ז' 203.

||=ן -- אדי. בארכאַטענע, בארכאַטענער. געמאַכט פון בארכאַט.

1963 " אָנגעטאָן איז זי געווען אין א בארכאַטן קליידל". באַש, גימפּל תם, נ"י, ז' 7.

ב אַ ר כ אַ ט ק ע -- די, =ס. א לענטע, סטענגע פון בארכאַט (טאַמעט). % די רויטע בארכאַטקע האָט זיך שיין אויסגעמיילט אויף איר ווייסן האַלדז. |קטוו|

ב אַ ר כ אַ ט ש [אקצענט ?] -- דער, [=עס ?]. ( לאַקל, ישראל ) " א קליין פליגעלע " [קטוו]. Lepto conops

כ אַ ר כ אַ ן I -- דער, באַ. פּפּ: בארכן, בארכנס, בארכעס. ( זז בארכאַט ← בארכעט). אמאַליקער טעקסטיל-שטאָף, ענלעך צו פלאַנעל. % אַן אונטערראָק פון בארכאַן. די באָבע פלעגט ווינטער טראָגן א וואַרעמע

יאָקע פון בּארכן. דער פּויער קויפט בּארכע פאר דעם ווייב.

1928 " ווינטער דארף אויך דאס וויקעלע פון דרויסן זיין פון פלאנעל אדער פון בּארכאן ". פגעז נ׳ 17, ווילנע.

1937/39 " אירע קאפּטאנעס זענען פון בּארכעט, זיי הענגען אויף איר אן א טעם און אן א ריח ". י. פּערלע, גאָלדענע פּאווע, ווארשע, ז׳ 18.

1972 " ער איז דערשינען פאר זיי אין זיינע אונטערוועש, מיטן שפּיציקן בערדל שווארץ איינגעשניטן אין דער ווייסקייט פון בּארכעט". ח. ראָזענפאַרב, בּוים פון לעבן I, ח"א, ז׳ 137.

0 בּארכאַנטוך -- דאס, = ~ טיכער. שאַל פון בּארכאַן.

[195...?] " האבן דארפישע פּראַנטיכעס שוין געקויפט בּארכאַנטיכער און אנדערע באוולנע שטאָפן ". ה. אבראַמאָוויטש, ייבל XXII, 1.

בּארכאַנקלייד -- דאס, =ער. בּארקאַנוש 36.

בּארכאַנשטאָף -- דער, =ן. בּארקאַנוש 36.

ב אַ ר כ אַ ן II -- דער, =עס/ען. .ל.R: бархан

זאמדבערגל, אנשיט פון זאמד אין א סטעפּ, מדבר.

% דער ווינט האט אנגעבלאזן נייע בּארכאַנען. די אנגעוויי̈עטע בּארכאַנעס האבן אויסגעזען ווי פּארגלי- ווערטע כוואַליעס פון א ים.

1928 " בּארכאַנען - הייסן אט די זאמדבערגלעך [אין טורקעסטאן]. פונעם מינדסטן ריר פון דער לופט הייבן זיי זיך אקוראט ווי רייכערן ... דאס רייסט פון זיי דער ווינט הייפעלעך שטויב ". ע. איזרא, צייג, קיעוו, ז׳ 9.

205. באר -

1935 " מיט די רעדער פון וייך פאסאזשיר=מאשין [...] האט ער זיך ארייגגעשניטן אינעם טיפן און קלעפיקן זאמד, ער האט זיך אפגעקוליעט פונעם באַרכאַן אויף צוריק און איז ווידער ארייגגעקראכן אין זאמד אריין איבערן האלדז ". ל. בראנטמאן, איבז פון ל. רעגיסטאן, מאסקווע - קאראקום, קיעוו.

באַרכאַנקע -- די, =ס. פּפּ באַרכינקע.
פארצייטיש אונטערקליידל געמאכט פון באַרכן ( בארכע).

1912 " חרצה, שלמהס ווייב, אן עלטערע יידענע אין א רויטער ׳באַרכאַנקע׳ ( אונטערקליידל )". אפּא, ראמאן פון א פערד=גנב, 1928, ז׳ 8.

1939 " [...] זי שנורעוועט אויף די באַרכאַנקע ". י. פערלע, יידן [...], ווארשע, ז׳ 19.

באַרכן I -- אדי. [ באַרכענע, באַרכענער ], 1. געמאכט פון בארכע / בארכן א באַרכן קליידל. די באַרכענע זאַקן באנד אויפן בויך.

1908 " [...] פון זיין באַרכענע קאפאטע, // די ירושה פון זיין זיידן,// וועלכע דינט אי וואך אי שבת". מר I, ז׳ 290.

1928 " די מיידן אין די קורצע באַרכענע אונטערקליידער, די ׳איטערס׳ אין דרויסן, געוואלדעווען ". אפּא, X, ווילנע, ז׳ 227.

1960 "[...] האט זי ארונטערגענומען פון זיך די שווערע פאטשיילע [...], די באַרכענע שובע ". פ. שטיינוואקס, צ׳ טאג, 29 IV.

2. ( פיג ) ווייך, צעקראכן.

1935 " וואס א ליטעראטור קען שוין, מישטיינס געזאגט, האבן פון א באַרכענער ליריק". נאד, טעג [...], ב״ו, ז׳ 185.

?נ?

באַרכן II -- דער, ---> באַרכאַן I.

באַרכנט -- דער, ---> באַרכאַן I.

באַרכע -- די, ---> באַרכאַן I.

באַרכעט -- דאָס, ---> באַרכאַט.

באַרכעס -- די, במ. (לאַנג שלעזיען, אונגערן) נאָר דאָרט?). שבתדיקע חלות. % פלעכטן באַרכעס=חלה" (קסוה).

1958 " מר. מרדכי ערדשטיין (שטאַט נישט לעזבאַר) שרייבט, אַז דאָס וואָרט ' באַרכעס ' פאַר 'חלות' שטאַמט פון זוהר פרשת יתרו, אַז מען עסט שבת די חלות וואָס ווערן אָנגערופן ' ברכתא', ווייל עס גיט אַ ברכה אויף די זעקס טעג פון דער וואָך". מ. אונגער, צ'טאָג, 1/X.

1961 " מר. י גאָלדבערג פון שיקאַגאָ האַלט, אַז דאָס וואָס מען האָט אין געוויסע מקומות גערופן חלות ' באַרכעס', קומט פון דעם פסוק אין משלי (קאַפּיטל 10) ' ברכת ד' היא ". מ. אונגער, צ' טמן, III/9.

| זען : ש. בירנבוים, צוויי אַלט=יידישע לידער (כתב=יד), וואַכשטיין=בוך, ז' 179: ברכות קוכן |.

1963/1938 " באַרכעס זאָל מען טאָן אונדז געבן-// ווערסטן, כלה=לעבן, לאַנג לעבן ". סוצ, פון I, ת"א, 1963, ז' 202.

0 באַרכעס = קוכן -- דער, =ס.

ברכת / ברכות / בירכות / דרכו'.

1619 " מלכה שת' מכט ברכו' צו שבת". פבּ, ז' 31.

1723 " אבער מיר זיינען זיך נוהג מיר וועשן זיך פר קידוש, אין אלי וועגן טאר ער ניט רידן קיין ווארט ביז קידוש, אונ' ביז נאך בירכות, דז ער זיין בירכות האט אויף גיגעסן ". לקט [ ] אמשטרדם, ב/58.

1729 " דרום זאל מען דען טיש אן שבת צו נאכט גאר ניט לאזין לער שטין [...] דאל מן זיך אן ברייטן מיט גוט עסין, מיט שינה ווייזי ברכות ". אריה ליב [...] זעליגמן, תקוני המועדים, I, פיורדא, תפ"ט.

... " אונ פון דען ברכות וואז מן דר פון געסין האט זאל מן איבר נאכט אויף דען טיש שטין לאזין אבר קיין גנץ ברכות ". דרוו.

" אן שבת מוז מן איבר גנצי ברכת קידוש מאכן אונ' 1752 ווען איינש ווער צו בראכן פון די ברכת מעג מן וואול צו אננדר שטעכן מיט איין העלצל ". עח, כז - 2.

~~1748 " ווער דא וויל דיא ( מצוה ) פון ( חלה ) רעכט האלטן דא זאל מן אן פרייטג ( ברכת ) מאכן ( לכבוד שבת ) ווייסי ( ברכת ) פון ווייסן מעל אונ' זאל דער פון ( חלה ) נעמן ". י. מ. עפשטיין, סידור תפלות אמשטרדם, תק"ח, קמב - 2.~~

ב א ר ל — דער ..., פס. פנ זו בארעל
פקפ: בארלעכן, בארלקע, דזוו באריל(קע),
א קליין פעסל.

1921 " דער טרעגער טראגט א בארעל ביר". אש, הימל און ערד, ווארשע, ז' 193.

1928 " אויף דער צאלבאנק האבן זיך געפונען עטלעכע בארלקעס בראנפן, פעסלעך ביר ". אפּא I, ווילנע, ז' 43.

2. ~~מצ~~ ~~בארלעך~~ ( אמ ) מאס פאר פליסיקע אדער שיטעוודיקע זאכן.

1930 " און אזוי 75 מיליאן בארלעך מעל א יאר ".
דא, פון בערלין [...], ווארשע, ז׳ 164.

באַרל -- דאס, =עך. פּפּ בערל. ( כלש ) א רובל, רוסישער געלטאיינס * [ י. טריוואקס, כלי-זמר=לשון, זב ביי אונדז יודן. ווארשע, 1923, ז׳ 168 ].

באַרלאָגע -- ←----- בערלאגע.

באַרלאָוסראָד -- די, =רעדער [ טערמינ׳ פיזיק, זש׳ די נייע שול, ווילנע, 1920 ]. (?נ?)

באַרלאָוס קראַנקהייט -- די, בא, (מ) אַוויטאמינאָזיס ביי קינדער; סקאָרבוט. (?נ?)

1925 " אן ענלעכע קראנקהייט ( סקאָרבוט ), וואס ברענגט מיט זיך אגב גרויסע ווייטיקן, האט באַרלאָוו באַאָבאַכט [=באמערקט] ביי זויגקינדער, וואס מע האט זיי דערנערט נאר מיט לאנג געקאכטער מילך; נאך אים רופט מען דאס באַרלאָוס קראַנקהייט". ד"ר ריטער, פּגעז נ׳ 8, ווילנע. ✓

באַרלאַטש -- דער, מצ בארלאַטשן. פּפּ: באַרליאַטש.
( לגב ) "אמאליקע ווארעמע שטעקשוך, געמאכט פון דיקער וואל, א מאל פון שטרוי, געניצט אויך ווי אייבערשיך, אנגעטאן אויף די געוויינטלעכע שיך, אום ווינטער, אונטערוועגנס אע." [ י. וויינבערג, יישפּ II -1, 1942 ].

1958 " זי איז תמיד געגאנגען אנגעטאן [...] אין א
וואטאווען שפענצער [...] א מאל אין צעפארענע בארליאטשן
און א מאל א בארוועסע ". ב. רעסלער, די שוסטערקע,
זש' אידישער קעמפער, ראש=השנה=נומער, 5'/IX/57.

1958 " ר'האט אנגעטאן א פוטער, א פאר בארלאטשן און
געזאגט תפילת הדרך ". באש, זש'גק נ' 31, ז' 93.

~~[illegible]~~

באַרלאַק !! -- -----> ברעלאַק.

אב 132, צו (באר), ז' 209.

באַרלאַק - -----> בורלאַק.

באַרלויף -- דער, =ן. ספארטשפיל אין לויפן [פל.ר.] גראָניוס 212

1924 " פון די לויפשפילן איז די בעסטע [...] דער בארלויף,
די דאזיקע אלע שפילן אויף דער פריי האבן זייער א
גוטע ווירקונג אויף דעם געזונט ". פגעז, נ' 12, 65
ווילנע.

באַרל(י)אַנט -- דער, =ן. ( פטמ ) ברילאַנט. o/c
לאמיר זיך איבערבעטן // כ'וועל דיר קויפן
בארליאנטן. פל.

1878 " האט זי אים [...] געוויזן זייער פיל גאלד און
זילבער און בארלאנטן און דימענטן, וואס עס איז
איין פחד צו קוקן. [...] א שיינע און א וווינדער-
ליכע מעשה פון ר' אפרים מוכר דגים, ווארשא, ז' 9-10.

1914 " אויסגעפארקויפט אלע שפיגלען מיט אלע זייגערס,
מיטן ווייבס דימענטן און בארליאנטן, האט ער זיך
[...] פארשמירט מיט סכנת=נפשות, געמוזט ווערן א
בורח ". שע, טוביה, ז' 203.

באם: געבן ביי ברילאנטן

210. באר -

באַרלי=וואַסער -- דאָס, =ן.

1916 " דער שיטערער קליי פון לאַנג געקאַכטע גערשטן=גריופּן – 'באַרלי=וואַסער' -- אַנטהאַלט לייכט פאַרדייַלעכע נאַרונגסשטאָפן ". י. מעריסאָן, היגיענע...

באַרלינע -- די, =ס. פּפּ: בערלינע. ברייטע און פלאַכע שיף מיט נידעריקע בּאָרטן, פאַר טראַנספּאָרטירן סחורות איבער אַ טייך. % אַ באַרלינע מיט תבואה. באַרלינעס מיט סחורות שווימען טייך=אַראָפּ.

1882 " אַז די לעכערדיקע באַרלינע מיטן געווינסן ליאָן [?] מאָר דער אַגענט ניט אָננעמען אין סעקוראַנט". ייל, ספר הזכרונות, נ' II, קיעוו, 3 -- II.

1935 " שמייען אַרום די בעלי=בתּים פון די באַרלינעס, די סוחרים פון די פּראַכטן [...] ". ש. ברעגמאַן, ניאַמקע שוואַרץ ". קיעוו.

באַרלעכיויך -- =ן, פּפּ באַרנדלעך-יויך. זופּ פון אויסגעקאָכטע באַרן (באַרעלעך).

1883 " פון קינדווייז אָן איז ער געוווינט צו עסן בעבלעך אין טשאָלנט [...] און פאַרטרינקען באַרלעכיויך און עס האָט זיי חלילה קיין מאָל ניט געשאַדט". ייפאַל, נ' 12, ז' 178.

1937/39 " נאָכן וואַסערדערלאַנגט שיינדל דעם טאַטן די באַרנדלעך-יויך". י. פּערלע, גילדענע פּאַווע, ז' 88.

באַרלעך-צימעס - דער, =ן. צימעס פון באַרן (באַרעלעך)

1902 " און אַז מע טרינקט אויס אַ קוואָרט עפּלקוואַס [...] און מע פאַרבייסט מיט באַרלעך-צימעס, נעמט מען זיך צום תהלים". שע, קליינע מענטשעלעך,

210a באַר -

באַר -

315 ?נ? באַרק |דער?|, בא. (אַם, נא) הייוון |קטוו|.

R: оборжот

באַרמאָט -- דער, =ן. ווּ באַרמאַטקע. (רוסיצ, נאַ)

1. "גראבער יונג, חוצפהניק" |קטוו|, % קיין גוטע זימן וועט מען זיך פון אט דעם באַרמאַט ניט אפלערנען.

R: оборжот

2. "אומגעלומפּערטער מענטש, גולם, תם" |קטוו|.

?נ? % צו וואס ער רירט זיך צו, דער באַרמאַט, צעברעכט ער.

באַרמאָטשען -- טרונ. רעדן אומקלאר, ניט אַרטיקולירט % עפּעס באַרמאַטשעט ער אונטער דער נאז, ווער ווייסט וואס.

1927 " אפשר דארף א שטאָטיקער רב אזוי גיין, האט די רביצין געבאַרמאַטשעט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס".

י. בודזאהן, א מעשה פון א רב [...], ווילנא, ז' 9.

211. - באר

באַרמאַן -- דער, ~ מענער. פּפּ באַרמען. (אמ)

דער קעלנער וואס מישט צונויף און דערלאנגט די

געטראנקען די איינגייער פון באַר. % ~~דער באַרמאַן~~

~~באדינט די געסט גיך, ער ווייסט שוין וועמען וואסער~~

~~משקה צו געבן.~~

באַרמאַשין -- די, =ען. 1. אפּאראט צו בויען, צו מאכן אן עפענונג, א לאָך. [illegible], באַרקאוו, 1923, ז' 58.

2. (ספּעציעל) די מאשין וואס א דענטיסט ניצט ביים אויסבויערן א לעכל אין א צאן. % דער פּאציענט האט זיך געשראקן נאך איידער דער דענטיסט האט זיך צוגערירט מיט דער באַרמאַשין צום צאן.

באַרמהאַרציק ------> באַרעמהאַרציק.

באַרמהערציק ------> באַרעמהאַרציק.

ם באַרמיג -- אדי/אדוו. ~~דערבאַר(ע)מיק~~, מיט רחמים, מיט רחמנות.

1688 "ברמיג בישטו איבר דיין ארים ואלק [illegible] איין אלי ארטן // וואן מיר זיינן איין אנגשטן".

אהרון בר' יוסף, איין שין נייא ליד פון אובן פראג, תמ"ח. צייט [illegible] MGWJ II, 1937, ז' 224.

|| בארמיקליך -- אדי/ אדוו. רחמנותדיק.

1696 " ער האט גיהערט גאט מיין בארמיקליך גיבעט,
גאט מיין תפלה ער וועט נעמן ". [סידור] תפלה
למשה, דעסוי, שכז"ז.

באר מים חיים [בעער מאַיִם כאַיִם] -- דער,
בא. (תת) ברונעם מיט לעבעדיקן וואסער.

1968 " דאס חסידות איז בעגליכן צו א באר מים חיים,
וואס מערער מ׳שעפט פון דער ברינע [=ברונעם],
אלץ מערער קוועלט צו פרישער [פריש] וואסער ".
ש. רוזמאן, הערד, קארפאטוס - מרמורש,
רחובות, ז׳ קכ״ז.

באַרמינע (ן) -- ------> בר=מינן.

באַרמיצורע -- ------> בר=מצוה.

באַרמיש - דער, [=ן?]. פארגרייזט פון
בורמיסטזש. (P: burmistrz) בירגער-מייסטער,
ראש פון שטאט.

1911 " דער בארמיש האט דערווייל די דריי בעלי-בתים
איינגעזעצט". חברה קדושה סעודה, ווארשע,
ז׳ 12.

באַרמלאַז -- אדוו. (דטשמ) אן רחמנות, אומ-
ברחמנותדיק.

"1938 [...] מען וועט די אלטווארג בארמלאז פארניכטן ".
א. ליעסין, לידער און פאעמען I, נ"י, ז׳ 271.

באַרמען -- דער, =ער. ----> בארמאן.

213. באר -

באַרן I -- (פּטם) רעדוקציע פון ביי + דעם, טייל מאל געשריבן באַר׳ן.

1923 "ער האט געבראכט אזוי פיל גאלד און זילבער [...] נאך מער ווי ער האט גענומען באר׳ן קיסר".
ש. לעהמאן, גנבים און גנבה-מעשה, זב ביי אונז יודן, ווארשע, ז׳ 66.

1969 "איז געשטאנען דער מאן אַנגן ציגנפעל מיטן קרוג באַרן גארטל און האט זיך געפרייט". קצין, גש!! , ת"א, ז׳ 109.

באַרן II -- דער, [=ס ?]. (אַם) "שטאַל" | קטור |.

באַרן III -- טרוו. (כּלש) עסן. [נפּ, כלי- זמר= לשון, זב רשומות, אדעס, 1918, ז׳ 276].

באַרן I -- דער, [=עס?] "ארויסגערעדט מיט א לאנגן U קלאנג ~~לאַסלעג~~ ~~סערעג~~ וולאצלאווקע] באַראַן, זכר פון שעפּס" [קטור]

ם באַרן II -- טרוו. בויערן, אויסבויערן.

1676 "איינער פון זיי נימט איין נעגנר [?] [...] און׳ באַרט איין לאך אונטר זיך אויף זיינר שטאט [אַרט, זיצפּלאץ]". ברנט שפּיגל, פּפדם, פּרק יא -.

~~באַרנאַוו -- נאמען פון א שטעטל און שעדלעצער קרייז (פוילן).~~

"באַרנאווער פּענטאַקעס, באַרנאַווער קוגל=שאַרבנס - קטור |" שפּאַטישע צונעמעניש:

באַרנאַזעל -- ---> בורנוס.

באַרנאַקל - =ען. (זאַאל) דער, "רינגלגאַנדז-מושל, וואס קלעפּט זיך אן צו שיפן, צו שווימענדיקן האלץ

333

מאל געשריבן באר׳ן.

1923 " ער האט געבראכט אזוי פיל גאלד און זילבער [...] נאך מער ווי ער האט גענומען באר׳ן קיסר ".
ש. לעהמאן, גנבים און גנבה-מעשה, זב ביי אונז יודן, ווארשע, ז׳ 66.

1969 ... " איז געשטאנען דער מאן אגן ציגנפעל מיטן קרוג בארן גארטל און האט זיך געפרייט". קצין, גש!!, ת"א, ז׳ 109.

באַרן !! -- דער, [=ס ?]. (אמ) שטאַל | קטוו |.

באַרן!!!-- טרוו. (כלש) עסן. [נפֿ, כלי- זמר= לשון, זב רשומות, אדעס, 1918, ז׳ 276].

באַרן ! -- דער, [=עס?] "ארויסגערעדט מיט א לאנגן קלאנג. וולאצלאוועק] "באַראַן, זכר פון שעפס" [קטוו]

ס באַרן !! -- טרוו. בויערן, אויסבויערן.
1676 " [...] איינער פון זיי נימט אין נעגנר [?] און׳ בארט איין לאך אונטר זיך אויף זיינר שטאט ארם, זיצפלאץ] ". ברנט שפיגל, פפדם, פרק יא -.

באַרנאַוו -- נאמען פון א שטעטל און שעדלעצער קרייז (פוילן),

"בארנאוער פענטאקעס, בארנאווער קוגל=שארבנס - שפאטישע צונעמענישן: [קטוו]

באַרנאַזעל -- ← בורנוס.

באַרנאַקל - דער, =עך. (זאאל) "רינגלגאנדז-מושל, וואס קלעפט זיך אן צו שיפן, צו שווימענדיקן האלץ אע". [ענצוו].

ב אַ ר נ ב ו י ם -- דער, ביימער. פּפּ: <u>באַרנעבוים</u>.

פאַרשפּרייטער פרוכטבוים, די פּרי - די באַר / באַרנע, גוט צום עסן. דער באַרנבוים - פון דער משפחה רויזנדיקע Rosaceae, האט אייפאַרמיקע בלעטער, ווייסע אדער העל-ראָזע בלומען, טרעט ארויס אין פאַרשיידענע סאָרטן. % ביי אונדז אין סאַד וואַקסט א גרויסער <u>באַרנבוים</u>. מע דאַרף אַראָפּנעמען די פרוכטן פון דעם <u>באַרנבוים</u>.

" דאס בעסטע איז ארויפצוקלעטערן אויף דעם עלטסטן <u>באַרנבוים</u> ". <u>ל. שאַפּירא</u>, <u>נאָוועלן</u>, 1940.

1962 " אין מיטן פעלד איז געשטאַנען א ווילדער <u>באַרנעבוים</u> מיט געדיכטע צווייגן ". <u>מ. סימאָן</u>, <u>פּאַר</u>, <u>II</u>/21.

1968 " מיר האבן זיך דערנערט |...| מיט רויטע ראַבינעס און ווילדע, צוגעפוילטע ' גנילושקעס' פון די פאַרלאָזטע <u>באַרנביימער</u> אויף די וועגן ". <u>י. פערעל</u>, <u>יזב אַטוואַצק</u>, ת"א, ז' 867.

0 <u>באַרנע=פלאַקן</u> -- דער, =ס. 1. א שטעקל פון א <u>באַרנבוים</u>, וואס מע האט גענוצט פאַר הענטלעך צו בייטשן פון בעסערער איכות.

2. ( <u>שלש</u> ) שוטה, טיפּש.

ב אַ ר ן = ב ו ל ק ע - די, =ס. (<u>עלט</u>) מין חלה [<u>באַטייט זען ציטאַטע</u>].

... " אין טייל געגנטן, דער עיקר אין פּאָדאָליע און וואָלין באַקט מען אויף שבת א חלה-<u>באַרן-בולקע</u>. מען מאַכט איבער איר די המוציא פריטיק-צו נאַכטס. די חלה ווערט געמאַכט פון צוועלף באַזונדערע בולקעלעך (קעגן די צוועלף שבטים אדער קעגן די צוועלף חלות פון לחם הפנים), יעדער בולקעלע אין דער פאָרעם פון א באַר (פון דאַנען דער נאָמען <u>באַרן-בולקע</u>). זיי ווערן ארומגענומען מיט אברייטן גאַרטל פון טייג, וואס סימבאָליזירט אחדות. אין טייל מקומות האט מען די |...| חלה גערופן יוד-ביתניק".

ב אַ ר נ ב ו י ם -- דער, ~ ביימער. פּפּ: באַרנעבוים.

פאַרשפּרייטער פּרוכטבוים, די פּרי - די באַר / באַרנע, גוט צום עסן. דער באַרנבוים - פון דער משפּחה רויזנדיקע Rosaceae, האָט אייפאָרמיקע בלעטער, ווייסע אָדער העל-ראָז׳ע בלומען, טראָגט אַרויס אין פאַרשיידענע סאָרטן. % ביי אונדז אין סאַד וואַקסט אַ גרויסער באַרנבוים. מע דאַרף אָראָפּנעמען די פּרוכטן פון דעם באַרנבוים.

" דאָס בעסטע איז אַרויפצוקלעטערן אויף דעם עלטסטן באַרנבוים ". ל. שאַפּירא, נאָוועלן, 1910

1962 " אין מיטן פעלד איז געשטאַנען אַ ווילדער באַרנעבוים מיט געדיכטע צווייגן ". מ. סימאַן, דער פּאַר, II/21.

1968 " מיר האָבן זיך דערנערט |...| מיט רויטע ראַבינעס און ווילדע, צוגעפוילטע ׳גנילושקעס׳ פון די פאַרלאָזטע באַרנביימער אויף די וועגן ". י. פּערעל, יזב אַטוואַצק, ת"א, ז׳ 867.

0 באַרנע=פלאַקן -- דער, =ס. 1. אַ שטעקל פון אַ באַרנבוים, וואָס מע האָט גענוצט פאַר הענטלעך צו בייטשן פון בעסערער איכות.

2. (שלש) שוטה, טיפּש.

ב אַ ר ן = ב ו ל ק ע - די, =ס. (עלט) מין חלה [באַטייט זען ציטאַטע].

... " אין טייל געגנטן, דער עיקר אין פּאָדאָליע און וואָלין באַקט מען אויף שבת אַ חלה-באַרן-בולקע. מען מאַכט איבער איר די המוציא פרייטיק-צו נאַכטס. די חלה ווערט געמאַכט פון צוועלף באַזונדערע בולקעלעך (קעגן די צוועלף שבטים אָדער קעגן די צוועלף חלות פון לחם הפנים), יעדער בולקעלע אין דער פאָרעם פון אַ באַר (פון דאַנען דער נאָמען באַרן-בולקע). זיי ווערן אַרומגענומען מיט אַ ברייטן גאַרטל פון טייג, וואָס סימבאָליזירט אחדות. אין טייל מקומות האָט מען די |...| חלה גערופן יוד-ביתניק".

א. רעכטמאַן, ייבל, ב׳ XLII.

באַרנדינער -- דער, =ס. ( פטמ ) בערנארדינער, מאנאך פון בערנארדינער=ארדען.

1928 " שווייג, בארנדינער מיט די גלאקן ! - האט מאראלע א טופע געטאן מיט דעם פוס ". אפא I, ז' 222. [ באמערקונג פון מחבר: " ציגיינער קופער-שמידן טוען אן זייערע בכורים אין די קליידער פון דעם ארדן 'בערנארדינער' ". ]

באַרנדיק - אַדי. אין דער פאָרעם פון א באַר ( פרוכט ) [ סטוטש 156 ].

באַרנדל I -- דאס, =עך. ( פטמ ) פקפ פון באַראַן, זכר פון שאף.

1932 " האט דער וואלף א בארנדל פארצוקט, // אפגעדושעט אין דער פינצטער [...] ". אשט, משלים I, ז' 168.

באַרנדל II - דאס, =עך. דזוו בארעלע, פקפ פון באַרנע. % די קינדער רייסן די קליינע בארנדלעך פון בוים.

באַרנדלעך=יונג - ---> בארעלעך-יונג.

באַרנס / באַרנעס -- דער, =ן. ( פטמ ) בורנוס.

באַרנזיך ←------ בארען זיך.

באַרנטע -- די, =ס. ( לאקלי 2000 ) בארנבוים.

1929 " ער צעבאמבלט זיך פארפירעריש אין ווילדע האלציקע בארעלעך אויף הויכע און צוויגיקע פעלד=

ז' 222. [באמערקונג פון מחבר: " ציגיינער קופער־שמידן טוען אן זייערע בכורים אין די קליידער פון דעם ארדן בערנארדינער ".]

באַרנדיק - אדי. אין דער פאָרעם פון א באַר (פרוכט) [סטוטש 156].

באַרנדל -- דאס, =עך. (פטמ) פּקפּ פון באַראַן, זכר פון שאף.

" האט דער וואלף א באַרנדל פארצוקט, // אפגעדושעט אין דער פינצטער [...] ". אשט, משלים I, ז' 168.

באַרנדל II - דאס, =עך. דזוו באַרעלע, פּקפּ פון באַרע. % די קינדער רייסן די קליינע באַרנדלעך פון בוים.

באַרנדלעך=יוך - --> באַרעלעך־יויך.

באַרנוס / באַרנעס -- דער, =ן. (פטמ) בורנוס.

באַרן זיך <------- באַרען זיך.

באַרנטע -- די, =ס. (לאקל?) באַרנבוים.

" ער צעבאמבלט זיך פארפירעריש אין ווילדע האלציקע באַרעלעך אויף הויכע און צוויַיגיקע פעלד=באַרנטעס ". זש, שקלאווער יידן, ז' 173.

באַרניע - די, =ס. |לז|. לאנדווירטשאפטלעכער מכשיר, דינט אויפצואקערן די ערד אויף א קליינער טיף אדער אויף צו פארדעקן די פארזייטע קערנער.

342

באַרניק | באַרניק? באַרניק ? | -- דער, עס.

פאליציאַנט.

1970 " זאָלסט וויסן זײַן, אַז מען האָט אונדז אַרומגערינגלט מיט באַרניקעס ( פּאָליציי ) און דער גובערנאַטאָר האָט געשיקט רופן בני שלום און ער האָט אים געזאָגט, אַז אויב דו וועסט נישט אַהיימקומען, וועט ער אונדז ח"ו פּאַרשיקן ". ציט ביי מ. אונגער, טמז, VII/20.

באַמ: ניטאָ ניט רוסיש/אוקר/ פּויליש - באַרניק? באַרניק?

---

באַרנע I -- די, =ס. דזווו באַר I.

1958 " ער איז צוגעגאַנגען צו דעם שטעלכל פון א מאַרק=ייִצערין און אַראָפּגענומען פון קויבער אַן עפּל אָדער אַ באַרנע ". י. וואַרשאַווסקי, פּאַר, IV/12.

1972 " און איצט וויל איך דערגענצן די נעמען פון איי ניקע פּרוכטן, וועלכע זײַנען געוואַקסן אין אונדזער סאָד [...]. באַרנעס : באַנקראַטן, סאַפּיזאַנקעס, סמאַליאַנקעס, פּשוטע בערעס, און סלוצקער בערעס, און אויך ווילדע באַרעלעך, וועלכע מ'האָט געלאָזט ליגן אַ געוויסע צייט אויף שמרוי ". מ. איטקין, פּאַר, VII/2.

באַרנע II -- די, =ס. (מוזיק) - מוילשטיק ( מונדשטוק ) פון קלאַרנעט [ סטוטש 286 ].

באַרנע -- אַדי, ( מעד. כעמיע ) וואָס איז שייך צו באַר. % באַרנע וואַזעלין [פּגעז נ' 2 - 3, ווילנע, 1923]. באַרנע זייערס.

1901 " די אומריינלעכקייט פון מויל [...] וועט מעגלעך מיט א ביסל זאלץ אדער באַרנע קיסלאטא, וואס קאסט זייער ביליק, דארף מען דערצו ניט האבן ". מ. יעווניין, ריינליכקייט און געזונד, ווילנע, ז' 12.

ב אַ ר נ ע אַ ל - דער, באַ. (כעמיע) אָרגאנישע פארבינדונג, וואס געפינט זיך אין קאנפער, ווערט גענוצט אין מעדיצין און קאסמעטיק. 346

ב אַ ר נ פ אַ ר ק -- דער, =עס. ( באַט ) א קראנקהייט פון געוויקסן, מין שימל | סטוטש 249 |.

ב אַ ר נ = ק ו י ל ע ט ש - דער, =ן. מין געבעקס

1920 " אין פוילן איז א מנהג, אז אויף פורים באקט מען א געלע חלה מיט זאַפרען, צווישן דער חלה מוז זיך געפינען איין באַרענקוילעטש, א גאנץ גרויסער, ווי דאס גרעסטע קעלבל |?!|, וועלכע עס ווערט געלייגט אויפן טיש נאר פאר נאכט צו דער סעודה, ער הייסט ביים נאמען דער פורים-קוילעטש". מ. דלוגאטש, דער עולם התוהוניק", ז' 66, ציט עלזעט, יידישע מאכלים, ווארשע, ז' 46.

ב אַ ר ס -- דער, =ן. א חיה פון דער טיגער=משפחה.. דער באַרס איז א רויב=חיה. דער באַרס האט א שפרונג געטאן פון זיין באהעלטעניש אויף זיין קרבן.

..........................................

באמ: געפינען לאטייניש נאמען.

..........................................

ב אַ ר ס ו ק - דער, =ן. אויך באַרסוק. דזוו דאַקס, רויב-חיה מיט א לאנגן שפיציקן שנויץ און אומגעלומפערטן קערפער, באדעקט מיט לאנגע געדיכטע האר, לעבט אין וועלדער, אין אונטערערדישע נארעס, שפייזט זיך דער עיקר מיט אינסעקטן, זיין פעל ווערט געשעצט אין פוטער-האנדל. (Ursus meles L. [illegible]) 348

E: BADGER

1937 " ס'איז געקומען יאסלס באַרסוק- מרוטש פון זיין האריקער ברוסט". ר. קארן, רויטער מאַן, ווארשע, ז' 64.

(?נ?) 346

באַרנעאַל - דער, באַ. (בעמיע) אַבגאַנישע פאַרבינדונג,
וואס געפינט זיך אין קאנפער, ווערט גענוצט אין מעדיצין
און קאסמעטיק.

באַרנפֿאַרק -- דער, =עס. ( באַט ) א קראנקהייט
פון געוויקסן, מין שימל | סטוטש 249 |.

באַר=קוילעטש - דער, =ן. מין געבעקס
1920 " אין פוילן איז א מנהג, אז אויף פורים באקט מען
א געלע חלה מיט זאַפרען, צווישן דער חלה מוז זיך
געפינען איין באַרענקוילעטש, א גאנץ גרויסער, ווי
דאס גרעסטע קעלבל |?!|, וועלכע עס ווערט געלייגט
אויפן טיש נאר פאר נאכט צו דער סעודה, ער הייסט
ביים נאמען דער פורים-קוילעטש". מ. דלוגאטש,
דער עולם התוהוניק", ז' 66, ציט עלזעט,
יידישע מאכלים, ווארשע, ז' 46.

באַרס -- דער, =ן. א חיה פון דער טיגער=משפחה..
דער באַרס איז א רויב=חיה. דער באַרס האט א שפרונג
געטאן פון זיין באהעלטעניש אויף זיין קרבן.

..............................................
באמ: געפינען לאטייניש נאמען.
..............................................

באַרסוק - דער, =ן. אויך באַרסוק. דזוו דאַקס.
רויב-חיה מיט א לאנגן שפיציקן שנויץ און אומגעלום-
פערטן קערפער, באדעקט מיט לאנגע געדיכטע האר,
לעבט אין וועלדער, אין אונטערערדישע נארעס, שפייזט
זיך דער עיקר מיט אינסעקטן, זיין פעל ווערט געשעצט
אין פוטער-האנדל. (URSUS MELES L. ...)
E: BADGER 348

1937 " ס'איז געקומען יאסלס באַרסוק- מרוטש פון
זיין האריקער ברוסט". ר. קארן, רויטער מאן,
ווארשע, ז' 64.

||=ענע(ר) - אדי. (ווי) פון א באַרסוק.
1931 " גאסאן פארקאטשעט די באַרסוקענע וואנצעס, וואס
שמעקן פוןביידע זייטן מויל ווי זאקנאדלען".
ש. ברעגמאן, דורך קריג און רעוואלוציע,
אדעס, ז' 156.

217a – בױך

באַרסוּק - דער, =עס. פּפּ באַרסוק (זאאל)

זויגער=בעל-חי (MELES TAXUS [lat]) פון דער קונעס-
משפחה, דער קערפּער מגושמדיק, שפּיציקע נאָז און
קורצע ענדגלידער; איז א נאכטיקע רויב-חיה, געפינט
זיך אין די וועלדער פון אייראפּע און אזיע; ווערט
געשאצט דורך די יעגערס צוליב דעם געדיכטן פוטער.

R: Барсук; P: borsuk

באַם: אפשר דאס אייגענע וואס באַרס?

---

D: Borsten

באַרסטינעס -- במ. (לאַק, גאַליציע ?)
„שטייפע, שטעכיקע האר אויף א ניט געגאלט פּנים" [קטור].

196... | " אמת, אז זיינע קינבאקן זענען שוין בלוי
און זייער באָרד האט שוין באַרסטינעס ". | איבז |
פון ש. עגנון, א פּשוטע מעשה, ז' 103.

באַרסקע ! -- אַדי, ~~איך באַהעפט באַרסקע לייוונט~~

1865 " די קאנטאר פון [...] היגן יידישן שפּיטאל דאנקט
העצלעך מאדאם ר. ה. פאר איר נדבה אויף דעם בית=החולים
דינע באַרסקע | טעקסט: באַרסקי | לייוונט אויף 100
קערבלעך. די באַים." קמ, נ' 28, ז' 425.

באַרסקע II -- אַדי. (רוסיצ, נאַ) פריציש,
אין ווילטאָג, קטוון. % דער יונגערמאַן טוט
נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער און פירט אַ באַרסקע
לעבן, לאָזט זיך ווילגיין.

באַרסקען -- אומוו. (לאַקל, שאַק, ליטע)
1. "סקריפען" [קטוו].
2. האַווקען. % "ער באַרסקעט ווי אַ הונט" [קטוו].

באַם: ווו. איז דאָס שאַק ?

באַרע I -- די, =ס. (לאַקל, וואָלין) שפּייכלער
פאַר תבואה;

1961 " איך גיי דורך די שול און ביי [...] דער באַרע
(און (אַמבאַר) שפּייכלער פאַר תבואה - דערקלערונג פון
מחבר) הייב איך אָן אַריינצוגיין אין שטאָט ".
גוטאַ פּירער, ס"ד לוצק, ת"א, ז' 271.

באַרע II -- די, =ס. מין וואָגן [סטוטש 173].

דייטש: א מכשיר צו טראָגן,
(טראָגבעטל); מיטה.

באַרע III -- אַדי. דזוו באַר, מזומן.
1889 " [...] א שיינע ווייב, איר מעגט מיר טרויען,
// איז בעסער ווי באַרע געלט ". י. ל. גאָרדאָן,
שיחת=חולין, וואַרשאַ, ז' 84.

באַרע - ----> בורע (שטורעם).

באַרעאַל -- דער, באַ. (מעטעאָר) צפון=ווינט.

% דער באַרעאַל בלאָזט פון דעם צפונדיקן ארקטישן אָקעאַן.

באַרעאַס - דער, באַ. 1. צפון-ווינט. 356

2. גריכישער גאָט פון דעם צפון-ווינט.

באַרעבאַליכע -- די, ~~צדנאמען~~

~~פון א פרוי.~~ קאַרטאָפל=העלדלערקע

1895 " און אז טריינע די באַרעבאַליכע שטאָפּט און קראַפּט | ? | פּאַק | ? | איר אײדעם |...| א נו: ווען איז מען מער מקנא - דיר צי אים ?". ייל, דאָס פוילישע יונגל, אָדעס, ז' 109.

באַרעבײציק -- דער, =עס. (לד)

וואָראָבייטשיק, פֿגל. פון וואָראַבײ' (פייגעלע, שפּערל) פון רוסיש

1869 " דאָס איז איינע פּאַרצײטיקע שטראָסידלע | סטראָשידלע, אָפּשרעקער | אום באַרעבײציקעס דאַמיט צו פּאַריאַגן, אָבער ניט אַזעלכע ווי איך בין ". אמד, דיא אונגלי- קליכע ליעבע, ווילנא. ~~217~~

באַרעבענטש -- דער, =ן. (שש) קלאָפּ, זעץ.

1936 " טראַכט זיך: ווען איך דערלאַנג אים אַזוי א באַרעבענטש מיטן רידל איבערן קאָפּ ". ד. מאַרשאַק, איבז ~~פון~~ זמיטראַק ביאַקוליא, אין אַנקוס, מינסק, ז' 98.

באַרעגנט -- פּאַדי/ פּאַדוו פון באַרעגענען.

1. באַגאָסן באַשפּריצט מיט רעגן. % דער באַרעגנטער מאַנטל. די באַרעגנטע דורכגייערס האָבן זיך באַהאַלטן אין די טויערן נישט צו ווערן נאָך מער נאַס.

1972 " ס'טריפט פון אומעטום [...], און די טריבע בארעגנטע פענצטער זעען אויס, ווי זיי וואלטן געשמייכלט דורך טרערן ". ה. ראזענפארב, בוים פון לעבן II, ת"א, ז' 7.

2. ( פיג ) ווי באגאסן, באשפריצט. בארעגנט אדער מיט ליבשאפט. פעלדער בארעגנטע מיט פארבן און בלומען.

1959 " בייט און לאָז בארעגנט פון פרייד און פון טרערן ". י. ד. שארגעל, פון ווייי און גלויבן, ת"א, ז' 113.

ב א ר ע ג ע נ|ע ן -- טרוו. 1. באגיסן, באשפריצן דורך א רעגן. % בארעגענען די פעלדער.

1895 " אז איין מענטש זיצט אין איין הויז וואס עס איז אָן איין דאך און עס גייט רעגן מוז ער אנטלויפן פון שטוב און אויף דער גאס ווערט ער אויך בארעגנט, אזוי איין שלעכטע אישה איז דער מאן אין שטוב שטערט זי אים מיט אירע רייד גיט ער אין גאס לויפט זי אים נאך און זידלט אים ". אבאגים, האמת והשקר, לובלין.

"[...] רעגן, רעגן, רעגנדל, // כ'בין א קליין מענטשעלע, // לאז איך מיך בארעגענען, // כ'ווייס קיין חכמות נישט ". פל.

1920 " צי ווערסטו אינעם שטורעם אויכעט מיך בארעגענען". מק, פאעמען, ווילנע, ז' 163.

"[...] מיין טיש האט זיך קבצניש צוגעטוליעט צו א וואנט, // מיין שויב איז גרוי אלכסונדיק בארעגנט". מאל, פריידקע, ז' 77.

2. ( פיג ) געבן עפעס מיט שפע, געבן עפעס מיט שפע. % בארעגענען מיט ליבע. ער האט די יתומים בארעגנט מיט זיין רחמנות.

באר - יז. 221.

1923 " איך האב מיך קוים מיט ברעג פון נאכט געזעגנט, // האט שוין מין אויג מיט העלער שיין באַרעגנט // דעם ברייטן גלאנץ פון דיינע הויכע זיילן " האַפּ, איך טאוול פון ווענט,..., ז' 57.

1947 " האבן מיר זיך דא באגעגנט, // מיט אייגן בלוט און שווייס באַרעגנט - // מיר ברידער אייביקע, פארלארענע ". חג, פליטים, ז' 12.

1960 " האר! וואַלסטו מיט בענטשונג באַרעגנט // מיין זעל און געטאן טאן לייטזעליקן מיין שירה ". יפ, לעגענדע [...], נ"י, ז' 73.

באַרעדזאַם -- אדי/אדוו. ( דטשמ ) 1. באַרייידעוודיק.

2. פילזאגנדיק, וואס רעדט פאר זיך אליין.

1877 " א קליינע ווילע האבן די ליבנדע זיך אנגעקוקט, און ווי באַרעדזאַם זייער שטילשווייגן איז געווען ". ה' א' נ' ק' | א. כהן פון הוראדנא | ר' שלמה וואונדערהאלד, ווילנא.

קייט -- די/דאס. ( דטשמ ) 1. באַרייידעוודיקייט.

2. פעיקייט צו רעדן שיין, איבערצייגעוודיק, צו דערקלערן אן ענין.

1894 " איך באגעגן א מענטשן, פון וועמען איך ווער באצויבערט דורך זיינע באַרעדזאַמקייט, דורך זיין טיפן פארשטאנד ". ע. בלאשטיין, דיא משוגענע, ווילנא, ז' 5.

ב א ר ע ד ט – פאדי / פאדוו פון בארעדן/באריידן.

וואס מע זאגט אויף אים רכילות ( לשון=הרע ),

וואס מע מאכט א שלעכטן שם ( נאמען ).

% א בארעדטע שכנטע. קיין מעלה צו א שידוך איז

א בארעדט מיידל ניט געווען. פון די אלע פליאטקעס

איז ער ארויס היפש בארעדט.

1888 " און דאס פארגעסטו אויך, אז זי איז א בארעדטע...

זיך געהאדעוועט ביי די רשעים אין שטוב, היינט

וואס פאר א רעכטער בחור וועט זיך דאס אן איר אנכאפן".

ל. לעוויץ, רפאל דעם שניידער'ס טאכטער, ווילנע,

ז' 62.

1924 " ווען דער כהן איז א רשע מפורסם, אדער אזוי

א בארעדטער מענטש, איז דוכענען קען מען אים לאזן,

אבער אלס כהן צו דער תורה אויפרופן זאל מען בעסער

על מקומו אויפרופן איין תלמיד חכם ". ש. שאנוביץ,

יורבורג ( ליטא ), חכמת קריאת התורה, ראסיין.

1968 " די בעלי=בתים [...] וועט ניט געפעלן, וואס מיר

ווינען ביי א בארעדטער משפחה ". חג, צמח אטלאס,

2. ארומגערעדט, ארומגעשמועסט. % די טעמע איז שוין

א בארעדטע פון לאנג.

ב א ר ע ד ן -- טרוו, פפ באריידן, פאר בארעדט.

1. רעדן שלעכטס וועגן עמעצן, טרייבן רכילות

( לשון=הרע ), טראגן ( דערציילן ) פליאטקעס.

בארעדן די שכנים. זי בארעדט איר אייגענע חברטע

אונטער די אויגן. אויף דער חתונה איז זי געקומען

נאר כדי דערנאך צו בארעדן די מחותנים, אז די

חופה=וועטשערע האט נישט געטויגט, אז די כלה איז

א מיאוסע.

. 222.1c באר -

1837 " זיי בירײַדן אלי מענשן, וויא יענער ~~עסט~~ אדער וויא ער טרינקט, ווי ער זייט [גייט?] געקליידן.

איבז ~~[illegible]~~ זבד טוב, ווילנא.

... " און היינט בין איך בארעדט געוואָרן // דורך א פאלשן יינגעלע – מסתמא האט דאך גאט אזוי געוואלט".

פל.

1907 " און א ביסל זיצן הייסט שמועסן, און א ביסל שמועסן הייסט א ביסל בארעדן די שכנים ". שע, אין שטורם, [illegible] 1944, ב' III, ז' 13.

1972 " [illegible] בארעדן ". 2. [illegible], III/26.

2. ארומרעדן אן עניין, רעדן וועגן א טעמע אויספירלעך.

% זיי האבן די פראבלעם בארעדט אפון אלע זייטן.

1902 " ער האט מיך ניט געלאזן בארײדן די פראגע ".

ארשאנסקי ~~[illegible]~~, ~~פון~~ שאמיסא, פרץ שלומיאל, ווארשע, ז' 8.

1926 " מיר פלעגן מענטש און וועלט בארײדן [...]".

סעג, פאעמען, ווארשע, ז' 91.

1949 " טאג צו טאג שטראמט א געשפרעך, // אין די נאכט זיי בארעדן זיינע טאטן אן אונטערברעך ". ב. צ. יפה, תהלים I, נ"י, ז' 33.

3. (אלט) אנרעדן צו עפעס, איינרעדן, איבעראייגן.

1872 " האט [...] די קעניגין [...] צו איר געשיקט איר בייכספאטער ~~(דאס הייסט דעם דוכאוונע~~ [גלח] פאר וועלכן זי ספאוויעדעט זיך [איז זיך מתוודה] דאס ער זאל איר בארײדן זי זאל ווערן א קריסטין".

אמד, אסתר, ווארשע.

~~453 — מארק ווב | באשווארבורגג~~

רכילות

1881 " און צי האבן זייערע אגענטן געשיקט ניט נאר דאס
פאלק אנצורייזן אויף יידן, נאר צו באַרעדן די
באאמטע זיי זאלן ניט ווערן זיך מיט יידן אפצו-
רעגענען ". ייפאלא, X/22.

||=ונג -- באשוואַרצונג [מארק וב 453], רכילות.

=עכץ. =ענישׁ. =ער (=ין, =קע). % " אזוי ווערט
ער אפט צוליב זיין באַרעדעוודיקייט - א באַרעדער".
זי איז א מוטלעריך, א באַרעדעריך.

1874 " ביי אלעם דעם איז זי געבליבן גאנץ אמבארעדט
און פארשוינט זעלבסט פון די גרעסטע באַריידערקעס".
אמד, דער שווארצער האן, ווילנא.

1890 " ווען איינער פארט א שידוך טאן הערט ער צו אלע
בילעדיקע הינט, כלומר, באַריידערס". יעקב מדובנא,
משלי חכמה, ווילנא, י"א, ???.

1934 " אז ווי איז צו יענעם באַריידער, // ווּעמען עס
טרעפט אזא שטיוול". מלה !, נ"י, ז' 158.

|193...| " א ייד א לשון=הרעניק, א גרויסער צונג [...]
א באַרעדער און אן עזות=פנים ". ייז, ברידער
אשכנזי, ז' 145.

=עריי =ען -- רכילות, פליאטקעס, לשון = הרע.

1866 " די רייכקייט אידלט די גרעבסטע זינדע, למשל,
וואס מען רופט ביי איין ארעמאן 'באַריידעריי',
רכילות, רופט מען עס ביי איין נגיד נאר 'קריטיק'".
אמד, דער שנארער, ווילנא.

1967 " שווער, אז איך דיינע רייד וועט קיין באַרעדעריי
און קיין שקר ניט זיין !". ע. שעכטמאן, ערב,
סאוועטיש היימלאנד נ' 4, ז' 7.

1970 " פונקט ווי אונדזערע באבעס האבן זיך פארנומען מיט בארעדערײַ ביים שלייסן פעדערן |...| אזוי טוען דאס די היינטצייטיקע פרויען ביי קאנאסטע".

ג. מילער, פאר, VII/6.

שוו. אין די אויגן הייסט גערעדט, הינטער די אויגן הייסט בארעדט. אז דו וועסט די וועלט בארײדן וועט דיך די וועלט באקליידן – דער בארעדער קריגט סוף כל סוף זיין פסק.

דורך לשון הרע ווערן דריי געהרגעט: דער דערציילער, דער צוהערער, און יענער וואס מען בארעדט. ציט פון יעקב מדובנא, משלי חכמה, ווילנא, ל – II.
(דובנער מגיד)

ווער ס'רעדט אויף א רב אז ער קען ניט זינגען אויף א חזן אז ער קען ניט לערנען – איז בלויז עובר אויף לאוו פון לשון=הרע. אבער ווער עס בארעדט א רב אז ער קען ניט לערנען און א חזן אז ער קען ניט זינגען – איז ווי ער וואלט זיי דערהרגעט. [ר' ישראל סאלאנטער].

ם בירידן/ברידן / בערעדן.

1. ←----

1676" אונ' איין איטליכיש דר אזו רעט דער ברעט הקדוש ברוך הוא אז וועך הקדוש ברוך הוא ניט קוינט איטליכם גינוגיך געבן". ברנט שפיגל, פרק כג, – פפדמ.

1723" ( לשון הרע ) דש איז איינר דר דיא לייט בירעט, עז זייא צו רעכטן אודר עש זייא צו אונרעכטן".

לטן אמשטרדם, ו, 42.

225[redacted] - באגר

דאס בלאט: 225[redacted] נישט

נומערירט. [illegible]

1752 " מן מוז זיך היטן אז לייט זאלן איינם ניט ברידן".
ע"ח, פיורדא, יז, 4.

2

1669 | " [...] דש ער למיץ [?] זאל דר נאך אונ גין
ביי א מואער לע [?] פרעמיער איברשטר פריזדענט
פון דעם פארלימענט ברידין וואש אין זאלכי זאכין
צושאן זיי ". כ"י וועגן דעם מעצער עלילת דם,
1669, ציט פּש !!!, ז' 229.

3.

1711 " |...| האט ער | נמרוד | קעניך פאנגין דיא
בשעפנש אונ' דורך דעם קלייד האט ער דיא לייט
בירעט צו דער עבודה זרה ". נחלת צבי, בראשית,
פפדם, יח, ב.

1732 " טושטו דייך הבר אן רופן, מיט שטראף רידן און
ער וויל דיר ניט ענטפרן מיט גוטן פון דיר צו
לאזן צום גוטן בירידן ...". עיון יצחק,
בערלין, 65/2.

בירידן זיך -- אפרעדן זיך, צונויפרעדן זיך וועגן
עפעס.

1718 " בגתן און תרש בירידן זיך אין פרעמדיר שפראך
דען מלך צו טיטן ". אחשורוש =שפיל, 3, אמשטרדם,
ציט פּש !!, ווילנע, 1930, ז' 436.

באַרעדעוודיק -- אדי / אדוו. פּפּ באריידעוודיק.
1. מיט א סך רייד, מיט חשק צו רעדן.
% א באַרעדעוודיקער פארשוין. די באַרעדעוודיקע יידינע,
האט מיך אפגעהאלטן א גאנצע שעה מיט אירע טענות.

" מענטשן אויף זייך ווילען האט ער אנגעשיקט זייער באַרעדעוודיקע,
באַרעדעוודיקע, איינער אין דער וועלט". ממוס, יודל,
ז' 40.

" קיין מאל איז נאך אלטער ניט געווען אזוי בארעדעוודיק, ווי אצינד ". שע, יוסילע סאלאוויי, ז' 194.

1928 " דאס זיבעצנטע [יאר] האט נאר וואס אפגערוישט, אפגעשוימט מיט חדשים באריידעוודיקע ". אקש, קינדער פון איין פאלק, מאסקווע, ז' 38.

1954 " מיין יאפאנישער פראפעסאר, וועלכער איז געווען אזוי אומיאפאניש בארעדעוודיק און אפנמויליק, איז מיר די טעג ארויפגעשווומען אין זכרון ". גרינ, בלעטלער פון א מאגבור, נ"י, ז' 226.

1968 " א בארעדעוודיקער פריזירער האט געפלעגט פרעגן זיינע קליענטן: ווי אזוי ווילט איר זאל איך אייך שערן? "א חסידישער ייד |...| האט אים געענטפערט: 'שווייגנדיק'". מ. רעכטמאן, יזב אטוואצק, ז' 604.

2. וואס איז פעיק צו רעדן שיין, איבערצייגעוודיק.

"... ווער פון די ביידע איז בארעדעוודיקער, קליגער, פאליטישער, פארשטייט באסער ווי זיך באליבט צו מאכן". ממוס, שלמה ר' חיימס, ז' 63.

3. ( פיג ) פילזאגנדיק, פילבאטייטיק, וויכטיק אין תוך.

1938 " נאר פאר מיר איז בארעדעוודיק און מאסגיביק דער פאקט |...| ". נפ, ייפא נ' 8, ווארשע.

1948 " ניט איבערגעפרעגט קיינער האט קיין ווארט, // בארעדעוודיק פון בליק געווען דער גלאנץ איז ". פמ, מלחמה מאסקווע ז' 31.

||בארעדעוודיקייט -- די /דאס. פפ די אייגנשאפט צו רעדן א סך. % זיין בארעדעוודיקייט האט אים שוין געבראכט א סך צרות, אבער ער קאן זיך ניט איינהאלטן.

"באַרעדעוודיקייט איז, דאכט זיך שלום=עליכמס א
גרונטשטריך, און דאך שימערירט ער פון צייט צו
צייט מיט קורצקייט, מיט ניט=דערזאגטקייטן".
ימ, יישפ XXV - 2, ז' 34.

באָרעוודיק -- אדוו. אין באהעפט באַרעוודיק שטעלן.
(לאקל, ליטע) "לאזן אן אשת איש מיט אן אפגעדעקן
קאפּ" [קטוו].

1883 "דאס פארפאלק |...| האבן זיך באשטענדיק געלעבט
ווי א פּאר טייבעלעך. עס איז אפילו ניט איבערגעגאנגען
דער טאג וואס זי האט אים פאר דער באָרד ניט געריסן
און ער האט זי ניט באַרעוודיק געשטעלט, נאר טאקע
באלד זיינען זיי שלום געווארן און דאס לעבן איז
ביי זיי נאך זיסער געווארן....". שמ"ר, דער ליטוואק,
I העפט, אדעסע, ז' 4.

באָרעוועןן -- טרווא |28| ------> באַראנעווען.

באָרעווען זיך -- סטוטש |450, 514|. ---> באַרען זיך.

באָרעווקע -- ----> באַרווקע.

באָרעזנע -- די, =ס, פּפּ באַרזנע, באַראזדע.
1. לאַנגער שניט, פּאַרטיפונג, וואס באַקומט זיך אין
באָדן נאָכן דורכגיין מיטן אקער.

1947 "[...] בלייבט שטיין מיטן אַקער=אייזן אין דער
נאָך ניט פּאַרענדיקטער באַרעזנע". ה. דאָבין, אוגנאָדע
ווייסרוסישער ערד, מאסקווע, ז' 145.

2. פּאַרטיפונג צווישן די בייטן פון אַ גאָרטן, פעלד
אויף דורכצוגיין. % זאָלסט גיין דורך דער באַרעזנע
כדי ניט צו צעטרעטן די גרינסן!

(לאקל, ליטע) „לאזן אן אשת איש מיט אן אפגעדעקן קאפ" [קטוו].

1883 " דאס פארפאלק |...| האבן זיך באשטענדיק געלעבט ווי א פּאר טײבעלעך. עס איז אפילו ניט איבערגעגאנגען דער טאג וואס זי האט אים פאר דער בארד ניט געריסן און ער האט זי ניט בארעוודיק געשטעלט, נאר טאקע באלד זײנען זײ שלום געװארן און דאס לעבן איז בײ זײ נאך זיסער געװארן....". שמ"ר, דער ליטוואק, ! העפט, אדעסע, ז' 4.

רעדו: פֿון 'בארהודפּטיק'?

בדײזן? באָרעוועןן -- טרויג | 28 | ------> באראנעוועןן.

רעדו: איז עס אפּשר סתם א גרייז? ...

גרייז? באָרעוועןן זיך -- סטוטש | 450, 514 |. ← בארען זיך.

באָרעוועקע -- ------> בארוּוקע.

באָרעזנע -- די, =ס, פּפּ בארזנע, באראזדע.

1. לאנגער שניט, פארטיפונג, וואס באקומט זיך אין באדן נאכן דורכגײן מיטן אקער. UK: Борозна; R: Борозда

1947 " [...] בלײַבט שטײן מיטן אקער=אײזן אין דער נאך ניט פארענדיקטער באראזנע". ה. דאביז, אוגא גאָל ווײַסרוסישער ערד, מאסקווע, ז' 145.

2. פארטיפונג צווישן די בײטן פון א גארטן, פעלד אויף דורכצוגײן. % זאָלסט גײן דורך דער בארעזנע כדי ניט צו צעטרעטן די גרינסן!

בארעזנע?

באָרעזש -- דער, בא. דינער טעקסטילשטאף פון באנוול, וואל, זײד א"א אדער א געמיש פון די מאטעריאלן" [קטוו].

באַרעט -- דער, =ס. [ גענוצט ... אין פּקפּ

באַרעטל - דאָס, =עך |. 1. ( אַרט ) אַמאַליקער

מענערהוט.

1888 " די מאַנסליים זענען געזעסן | אַרום טיש ) און

זייערע שוואַרצע דעליעס, שוואַרצע ברייטלעך ( באַרעטס )

און די ווייסע האַלדזקראַגנס ". טעקסט=הערה: באַרעט

איז אַ מין פּלאַכע האָט [=הוט] מיט לאַנגע ראַנדן

וואָס איז געווען אין דער מאָדע אין שפּאַניע אין

16טן יאָרהונדערט ". ייפאַל, ציילאַגע נ׳ 10,

ז׳ 295.

1938 " אַ ברייטער דאָקטאָרהוט אויפן קאָפּ, אַ באַרעט,

ווי זיי פּלעגן אים טראָגן אין דער רענעסאַנס=צייט ".

קאָר !, נ"י, ז׳ 124.

2. ( אַרט )" אַ דרייעקיק שאַלעכל, געמאַכט פון שפּיצן,

וואָס פרויען האָבן געטראָגן אויפן קאָפּ אָדער

האַלדז" [ קשוו ].

□ ברייטליך

←--------

1648 " מיט גישפּעט מיט פינגר נאָך גטיטן [=אַנגעטייט,

געוויזן ] // מיט ברייטליך צאַבלני שויבן [=סויבעלנע

שובעס, פוטערס ] אייך חמן אנטקיגן גריטן ".

קינות אויף כמעלניציקיס גזרות, פּראַג, 1648?,

צינמון, בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור=געשיכטע,

ווילנע, 1928, ז׳ 205.

[borekh? burekh? באַרעך -- דער, | באָ? | אַרויסרייד:

אין דער פּראָזע: אַריינגעפּירט ( אַריינגעפּאַלן )

אין אַ באַרעך. ( לאַקל, וולאַצלאַוועק )" אַריינ(געפּירט)

אין אַ מיאוסן ענין, אין אַן עסק ביש; אַריין אין

אַ בלאָטע. [ ייפאַ, 2, 1939 ].

באַרעכטיקונג -- די, =ען. 1. רעכט, פולמאכט עפעס צו טאן. % אפיציעלע באַרעכטיקונג. די דעלעגאציע איז ארויסגעפארן מיט א באַרעכטיקונג צו שליסן דעם אפמאך. דער אדוואקאט איז געקומען אין געריכט מיט א באַרעכטיקונג פון באשולדיקטן.

2. מאָטיוואציע, סיבה, גרונט פון עפעס. % זיין שארפער ארויסטריט אויף דער פארזאמלונג האט ניט געהאט קיין אביעקטיווע באַרעכטיקונג.

1950 " [...] און נעמט דאס רעכט פאר זיך אויסצוטיילן טויט, // כאטש ער באגלייט עס מיט באַרעכטיקונג און תפילה ". א. ניסענזאָן, אין צדיקס טריט (נ"י, ז' 29.

1958 " [...] צו דער היסטארישער באַרעכטיקונג דארף נאך צוקומען א שפראכיקער אנשפאר [...], וואס זאל אויפקלערן דעם געגעבענעם נאמען ". מ. קאסאוווער, יישפ XVIII - 1.

3. פארענטפערונג, תירוץ, אויסרייד. % דער שטייעראמט האט ניט אנגענומען די שוואכע באַרעכטיקונגען פון פאבריקאנט פאר וואס ער האט ניט איינגעצאלט ביי צייטנס.

1951 " דער 'קוזשי=בילבול' האט עס געזאלט דינען דער רוסישער רעגירונג אלס באַרעכטיקונג פארן גירוש פון די ליטווישע יידן ". ל. שטיין, זב ליטע I, נ"י, ז' 97.

1968 " 'קיל געווארן' - האט זי געזאגט אויפן קול, ווי זי וואלט געזוכט א באַרעכטיקונג פארן סוועטערל, וואס זי האט גענומען אנטאן ". ב. טייטלבוים [בדמלקין] יזב אטוואצק, ת"א, ז' 649.

## גלייכבארעכטיקונג -- -------

0 **עקזיסטענץ-בארעכטיקונג** -- דער זינען צו זיין;
די רעכט.צו פונקציאנירן .

1951 " דער וועד האט פארלארן זיין **עקזיסטענץ=בארעכטיקונג**
אין די אויגן פון דער מלוכה, און די מלוכה האט אים
אויפגעלייזט ". **ז, ווישניצער, זב ליטע I**,
נ"י, ז' 190.

באר ע כ ט י ק ט -- **פאדי / פאדוו** פון **בארעכטיקן**,
1. וואס האט א רעכט ( יורידיש, מאראליש **אע** )
אויף עפעס אדער צו טאן עפעס. % נאר די **בארעכטיקטע**
בירגער קאנען געניסן פון סאציאלער שוץ.

1970 " די וואל=**בארעכטיקטע** בירגער, שטייער=צאלער,
באטרעפן בכן ווינציקער ווי א העלפט פון דער פולער
ליסטע |...| ". **רעד' ה. מאהלער, ס' סאנץ**, ת"א ,
ז' 203.

2.גערעכט, מאטיווירט, מיט א סיבה, גרונט.
% **בארעכטיקטע** פאדערונגען. די עלטערן קומען מיט
**בארעכטיקטע** טענות צו דער שול.

1932 " די אומה, זיכער שוין פון איבערפאל, //
גארט נאך אפרו נאך **בארעכטיקטער** ". **אל III**, נ"י, 1938,
**יהודה הטעבע** ז' 54.

1934 " ה' דונעץ מוסרט בערגעלסאנען [...], הלמאי ער
האט דערלאזט אזא מין ניט=**בארעכטיקטן** טויט [...]".
**ש. בריאנסקי, ד. בערגלסאן** |...|, קיעוו.

1951 " ניט קיין פאלקסליד, נאר א קינסטלעריש
**בארעכטיקטע** אויסבארגונג ביים ' קלאסישן '
פאלקסטיל אין ליד ". **ב. ריווקין, אונדזערע פראזאיקער**,
נ"י, ז' 138.

232. באר -

קייס.=

0 גלײַכבארעכטיקט. פולבארעכטיקט.

ב א ר ע כ ט י ק ט ז י י ן -- פֿאַס פֿון בארעכטיקן.

1. האָבן א רעכט ( יורידיש, מאראליש אע ) צו טאָן ( זײַן/ווערן , האָבן ) עפּעס. % בארעכטיקט זײַן צו ... די ארבעטלאָזע זײַנען בארעכטיקט צו קריגן שטיצע 6 חדשים. יעדער בירגער איבער 25 יאר אלט איז בארעכטיקט צו זײַן א דעפּוטאַט אין פּארלאמענט. די נײַע עולים זײַנען בארעכטיקט צו קריגן וווינונגען.

............................................................

רעד: גיבן דעם פּאַסיוו? (אַפּט באַניצט.)

............................................................

1937 " פּונקט אזוי זײַנען די דײַטשע אײַגעניקערס געווען בארעכטיקט צו רעקאָמענדירן סטערילײַזאַציע איבער געוואַלד פֿאר געוויסע גרופּעס באַפֿעלקערונג ".
מוז, היטלערס פּראָפֿעסאָרן, |...| ז׳ 29.

1951 " פּרוגן האָלט מען נאָך אלץ בײַ אונדז פֿאר א קלאסיקער, |...| דער פּראָפֿעסאָר פֿון ׳ מײַנע לידלעך | מיכל גאָרדאָן | איז א סך מער דערצו בארעכטיקט ".
שנ, זב ליטע I, נ"י, ז׳ 806.

1967 " יידן זײַנען פּונקט אזוי בארעכטיקט צו זײַן קעגן אמעריקעס אַרײַנמאַרש אין וויעטנאַם |...| ".
אפֿא, טמז, II / 13.

2. זײַן פּאַסיק, זײַן אויפֿן אָרט, האָבן א סיבה, א מאָטיוו. % זײַן ענטפֿער איז א בארעכטיקטער און געקומען צו דער צײַט. ס׳איז א ספֿק צי די באַשולדיקונגען זײַנען בארעכטיקט.

1958 "ס'איז פון דעסטוועגן געווען בארעכטיקט דער איבערקלער, ווי עס וועט אויסזען דאס ווערק |...|". ש. ביקל, שרייבער פון מיין דור, נ"י, ז' 36.

1959 "צי איז פאקע בארעכטיקט די מורא, אז א קינסטלער וועט ניט קאנען זיין געניוג אומפארטייאיש |...|". שנ, קריטיק און קריטיקער, ב"א, ז' 14.

1970 "ווי ס'האט זיך שפעטער ארויסגעוויזן איז דאס פחד=געפיל געווען בארעכטיקט, ווייל דאס פארשפארן אין געטא איז געווען א ווייטערע שטופע אין דעם נאציש טייוולאנישן פלאן צו פארניכטן די יידישע באפעלקערונג". י. באגדאן, ספר זלאטשעוו, ת"א, ז' 362.

ב א ר ע כ ט י ק|ן -- טרוו. 1. געבן עמעצן א רעכט יורידיש, מאראליש אע) צו טאן עפעס, צו האבן עפעס, צו זיין עפעס; באפולמאכטיקן. % בארעכטיקן צו(...). די יורשים בארעכטיקן דעם אדוואקאט צו פירן זייער פראצעס אין געריכט. צוליב די אפשע אנפאלן בארעכטיקט מען די איינוווינערס צו האבן געווער. דעם זון האט מען בארעכטיקט צו זיין דער פירשפרעכער פון דער משפחה.

2. מאטיווירן די עקזיסטענץ פון עפעס, זיין דער זינען, די סיבה פון עפעס (טייטונג, דערשיינונג אע). % דער קאמף פאר דער מדינה בארעכטיקט דעם קרבן, וואס אזוי פיל מענטשן האבן געבראכט אין דער מלחמה. קיין זאך קאן ניט בארעכטיקן די ליידן פון די יידן בעת דער צווייטער וועלט=מלחמה.

1922 " אך אידעאל באצירט דאס לעבן. מיגלעך אז אידעאל
בארעכטיקט דאס לעבן, נאר ס'איז געוויס אז דאס לעבן
דארף בארעכטיקן דעם אידעאל ". ים, איינהייטלעכע
פאלקשול, קאוונע

1945 איך האב אויסגעטרונקען ביזן דעק // מיין
ווייטאג אין דער נאכט - און שוין בארעכטיקט //
מיין ווייטאג אין די קומענדיקע טעג ". חג,
דורות, ז' 60.

1958 " עס האט ארויסגעטרויערט דער באגער צו בארעכטיקן
דעם מענטשנס יסורים און צו געפינען א זין אין זיי".
ש. ביקל , שרייבער פון מיין דור, נ"י, ז' 265.

1948 " כדי צו פארענטפערן און בארעכטיקן ליטעראטור פארן
עולם |...| האבן שלום=עליכם און פרץ זיך געדארפט
אנוואפענען [...] מיט יידישע כלל=אידייען ".
ב. ריווקין, גרונטטענדענצן פון דער יידישער ליטע-
ראטור, נ"י, ז' 59.

3. פארענטפערן, אנגעבן א תירוץ ( אויסרייד ) פאר
עפעס וואס מע האט ( אדער ניט ) געטאן. % דער
תלמיד בארעכטיקט דאס קומען שפעט מיט שוועריקייט
אין דער קאמוניקאציע. זיין פעס בארעכטיקט ער
מיט דער באליידיקונג. דעם יקרות וויל מען בארעכטיקן
מיטן העכערן די פרייזן פון פעטראל.

1951 " ערשט דאן, בכדי צו בארעכטיקן די רציחות,
איז ארויסגעקומען דער לאזונג ' אז די יידן האבן
געשלאגן די ליטווינער '". ש. גרינהויז, זב ליטע !,
נ"י, ז' 162.

1956 " דער שכל פון נפש הבהמות איז |...| צו זוכן
רעכטום, און צלערליי המצאות בארעכטיקן זיינע
אומגערעכטיקייטן |...| ". ( ס' המאמרים, נ"י,
ז' 209.

1966 " |...| ווי גלייך דערמיט איך וואלט מיין גאנג
**בארעכטיקט** // פאר דורכגייער נים אויסזען ס'זאל
פארדעכטיק". **האל, מיין אויפ**, מאסקווע, ז' 210.

4. געבן בערעכט; האלטן פאר גערעכט, % **בארעכטיקן**
די אייגענע מעשים.

1947 " די פוילישע אנטיסעמיטישע פרעסע האט **בארעכטיקט**
דעם פאגראם און גערעדט פון די כוליגאנישע ארויס-
טרעטן מיט גרויס פרייד ". **רעד' ר. מאהלער,**
**יזכ טשענסטאכאווער יידן**, נ"י, ז' 180.

1951 " ס'איז ער | גאט | וואס באשטראפט און
דערנאכדעם באדויערט, // |...|, מיין טאטע האט אים
אויסגעפינצטערט אלמעכטיק, // מיט שרעק און הכנעה
זיין משפט **בארעכטיקט** ". **חג, שיין פון פארלאשענע**
**שטערן**, ב"א, ז' 85.

**בארעכטיקן זיך** -- **אויטו**. לוינען זיך, זיין כדאי,
האבן א זינען, א תכלית. % די סאניטארע מיטלען
**האבן זיך בארעכטיקט** - די עפידעמיע האט זיך
איינגעלאזן. אונדזערע אנשטרענגונגען **וועלן זיך**
**בארעכטיקן**, אויב מיר וועלן דערגרייכן דעם ציל.
די הוצאות אויף דער נסיעה **האבן זיך בארעכטיקט**.

1961 " |...| אפאראטן, וואס מוזן **זיך בארעכטיקן** |...|
דורך איבערשרייען און איבערקאנקורירן די אנדערע".
**ש. מארגאשעס, צ' טאג**, III/25.

ב א ר ע כ נ ט -- פּאַדי/ פּאַדור פֿון באַרעכענען.

1. דערפֿירט צום סוף פֿון חשבון, צום רעזולטאַט. % די באַרעכנטע סומע האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער גרויס. די באַנק צאָלט אויס דעם באַרעכנטן פּראָצענט יעדן קוואַרטל.

2. ( פֿיג ), שפּאָרעוודיק, אָפּגעהיט...

... " ער איז געווען אַ שוואַרער מענטש און האָט געלעבט דעריבער זייער באַרעכנט, אָפּגעהיט דאָס געזונט ". ממוס, די אַלטע מעשה, ז' 7.

1966 " איין מאָל אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ [ אַן אַקסיאָמע, כּלל ] אויף דער גרויסער מאָס, וועלן שוין קיין שום באַרעכנטע און ניכטערע אַפּיקורסותן נישט האָבן די מינדסטע ווירקונג ". זש' איק, III/18.

1966 " זיי זײַנען זייער באַרעכנט ביים אַרײַנלייגן געלט אין מטאַקס, און די פּאַרזיכטיקייט לוינט זיך פֿון אַלע שטאַנדפּונקטן ". ד. קראַנץ. צ' טמז, I/23.

ב א ר ע כ נ ע ן -- טרוו. באַרעכן, מיר באַרעכענען, פּאַר באַרעכנט. 1. געפֿינען דעם רעזולטאַט פֿון אַ מאַטעמאַטישער פּראָבלעם ( ביי צוגעבן, אַראָפּנעמען, כּפֿלען, טיילן א"א ); אויסרעכענען. % באַרעכענען די סומע פֿון די צאָלן. באַרעכענען גוט/שלעכט. באַרעכענען געניי, פּינקטלעך ( בערכדיק, טעותדיק ). באַרעכענען פֿלינק / גיך. באַרעכענען אויפֿן קאָפּ ( אויפֿן פּאַפּיר, אויף דער רעכן=מאַשין ). באַרעכן וויפֿל ס'איז 9 מאָל 8! באַרעכענען די פּראָצענטן פֿון קאַפּיטאַל. דער סוחר האָט גלייך באַרעכנט וויפֿל ער דאַרף באַצאָלן פֿאַר דער סחורה. קינדער, באַרעכנט די איבערפֿלאַך פֿון דעם גרינקאַב!

1863 " [...] אלא מאי זשע, האבן די קדמונים אויך געקענט
פריער בארעכענען, ווען עס וועט זיין ליקוי=חמה
אדער ליקוי לבנה?". קמ, נ' 37, ז' 491.

1910 " און דייך סחורה האסטו קיין אנוועער ניט //
וואָרעם דו בארעכנסט פריער אויפן סוף ". ה. קליבאנאוו,
קול חדש, ווילנא, ז' 27.

1952 " מיר האבן צו פיל ווערטער פאר חשבונען |...|
רעכענען, אויסרעכענען |...| בארעכענען, אפרעכענען
|...|". דער לעבעדיקער | ח. גוטמאן |, פאמפאדור,
ב"א, ז' 304.

1960 " א קאפ האט הענקע געהאט ווי אויף שרויבן.
זי האט קיין מאל נישט באדארפט קיין שרייבהעפטל
צו בארעכענען". פ. שטיינוואקס, צ' טאג, VIII/7.

2. ( פיג ) באקלערן גוט אן עניין, נעמען אין באטראכט
אלע אספעקטן, קאָמפאָנענטן מיגלעכקייטן, שאנסן.
% בארעכן גוט, צי דארפסטו איצט פארן אדער אפלייגן
אויף א חודש. אזא וויכטיקע זאך ווי א שידוך קאן
מען אויף איין פוס ניט בארעכענען.

1862 " אז מע וויל נאר בארעכענען, אז די מדינה מוז
האבן מיליטער |...|". קמ, נ' 2, ז' 19.

1936 " ער האט אלע מאל ליב געהאט א זאך בארעכענען
נישט גלייך ארויסשפרינגען פון די האלאבליעס ".
ייז, ברידער אשכנזי, ווארשע, ז' 568.

1971 " מע מוז בארעכענען [...] און מען דארף זיך
היטן פון כאפ=לאפ". ב. רעסלער, צ'טמז, VIII/1.

בארעכענען זיך -- אוטוו. דזוו בארעכענען ב 2.

[...] " טא האב שוין רחמנות און בארעכן זיך גוט //
און ווער שוין א חתן פאר מיר !" פל.

1880 " ווי פראקאפ איז אליין געבליבן האט ער זיך

יעצט אנגעהויבן צו בארעכענען זייך אומגליק ".

אנאנלעס, דער המעצדיקער ברכו, ווארשא, ז' 5.

" כ'בעט דיך, ווי לאנג ז'איז נישט שפעט, 1928.
בארעכן זיך וואס דו טוסט ". אפא !!!, ווילנע, ז'160.

1970 " אז מ'האט זיך געגעבן א בארעכן, אז ס'האט
מער נישט קיין צוועק צו זיצן און פלאגן זיך אין
דער פרעמד ". י. באגדאן, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז'360.

||=ונג -- 1. חשבון, אויסרעכענונג. | טערמינאלאגיע
אריטמעטיק, די נייע שול, 7 - 8, ווילנע, 1920.

1936 " דען עס איז נישא |...| קיין בארעכענונג צו
זייך פארשטאנדיקייט". מחזור ע"ט, בית ישראל,
יום כיפור, שיר היחוד א', ווילנא, ז' 90.

2.באטראכטונג, מיושבדיקייט, אויסגערעכנטקייט.

... " ליב האבן מיר זיךביידע טאקע זייער שטארק,
אבער די בארעכענונג באדארפן מיר דאך האבן אזוי,
ווי לעבט מען נאך דער חתונה". ממוס, דער פריזיוו,
ז' 23.

1892 " א מענטש מיט א בארעכענונג ווייסט, אז הש"י
טוט מיט אים גענוג חסד, אז ער גוט אים לעבן און
צום לעבן ". פלאי, המדבר הצדקה, ווארשא, ז' 36.

1908 " מענטשן וואס לעבן שטענדיק מיט בארעכענונג
און היגיעניש, זאלן בשעת דער כאלערע גאר נישט
אפענדערן ". | איבז? |, דער אוצר פון געזונד און
לעבען, ווארשא, ז' 39.

בארעכנלעך -- אדי/אדוו. וואס לאזט זיך בארעכענען.

1956 " אויב דו לעסטערסט אזוי די געטלעכקייט, אז זי
איז בלינד און אומזיניק, נישט בארעכנלעך, טא צו וואס,
זאג מיר, שטרעבסטו צו חכמה ?". זש'פאריזער צייטשריפט,
נ' 12, ז' 96.

240 - באר

ער= ( =ין, =קע)

1924 " און איבער דעם אלעם - א באַרעכענער, אַז ער קערט דאך ווידער אויפן קאַמפּסלאַץ אַרויס ".
רעד' ע. וואַרשאַווסקי, זשור' כאַליאַסטרע II, פּאַריז, ז' 52.

באַרעכנשאַפט -- די, בא. באַטראַכטונג, איינזען, אָפּגעהיטנקייט.

1962 " טרעט אויף לעבעדיקע און טויטע אָן שום |...| באַרעכנשאַפט ". ח. ליבערמאַן, פּאַר, II / 9.

גאַנץ באַרעכנט איז האַלב באַצאָלט (שרג ?).

באַרעכנט איז האַלב באַצאָלט, נאָר צוויי מאָל באַרעכנט איז נאָך אַלץ ניט באַצאָלט (שוו).

באַרעל -- דער, =ס. (אַמ, נאַ) פּאַס.

1894 " דאָס זיינען ליטעראַטן ? פון וועלכען באַרעל אַרויס האָסטו [גאָט] אַרויסגעשאַרט אַזעלכע פאַרשימלטע געזיכטער".
זשור' דער לאַנד=חכם, נ' 10, נ"י.

באַרעל II - דער, [=ס?] (גלש) הענגשלאָס [קורקאַ], קראַקע [?], 1907.

~~באַרעלע -- די, =ס. לשון הסוסים. סטאַט 263.~~

~~באַרעלקע -- די, ס. -- באַרעלקע.~~

באַרעליעף -- דער, =ן. סקולפּטור ( בילד אָדער אָרנאַמענט ) אויף אַ געוויסער פלאַך (וואַנט, זייל אא ) ווו דער געקריצטער ( געשניצטער ) אָביעקט טיילט זיך אויס ווינציקער ווי אַ העלפט פון זיין גרעס (טיפקייט).

% דער אריינגאנג=טויער פון מוזעום איז באדעקט מיט
בארעליעפן אין באראקא=סטיל. אויף דעם דענקמאל
זיינען דא בארעליפן מיט געשטאלטן פון אויפשטאנד
אין ווארשעווער געטאָ.

1920 " אויף דעם ארט, ווו עס איז געשטאנען סקאבעלאווס
מאנומענט מיט די שיינע בארעליעפן, האט מען אוועק-
געשטעלט א הויכן מאוזאליי ". סעג, פון רוסלאנד [...],
ווארשע, ז' 60.

1929 " ווי אט די בארעליעפן [...] זיינען אויסגעמאכט".
דער נסתר, איבז, פין וו. הוזאי, נאטר דאם, קיעוו.

1944 " דער נייער בריק [...] איז געווען באפוצט
מיט בארעליעפן, שטיינערנע מאסקעס און באלקאנען".
זש, קיסר און רבין, ז' 247.

=יק -- אדי/אדוו. אין דער פארעם פון א בארעליעף.

1972 " די טיר איז געווען א געהאמערטע [...] און
איר פאסאד איז געווען אקולפטירט בארעליעפיק מיט
שניצונגען ". מ. דלוזשנאווסקי, זשורנ' גק, נ' 75,
ז' 195.

באַרעלע -- דאס, =עך. קנאָספּ. [קאָוו] % "אויפן בוים
הענגען באַרעלעך, קיין בלעטער זיינען נאך ניטא" [קטוו].

באַרעלע=קוגל -- דער, =ן. (לאקל, רומעניע) [רע]
"קוגל, געמאכט פון טייג, געקאכט אויף האניק" [קטוו].

באַרעלקעס -- באַרולקעס

באַרעם ←----- באַרעמע.

242. באר

באָרעמהאַרציק -- אַדי/ אדוו. פֿפֿ בארמהארציק

ארב און דטש פארמ באַרמהערציק. מיט רחמים, פול מיט רחמנות, מיט לייד צו עמעצן, מיט א גוט הארץ. % א באַרעמהאַרציקער נדבן. דער אייבערשטער איז באַרעמהאַרציק און איז מוחל די זינד.

1911 " היינט נעמט איינער ביי דעם אנדערן דאס לעבן גיך און באלד מיט גוטע ביקסלעך און קלוגע המצאות, וואס דער באַרמהאַרציקער דור האט לטובה פאר די מענטשן אויסגעטראכט ". ממוש, די קליאטשע, ז' 98.

1908 " עס האבן זיך געפונען גוטע, באַרעמהערציקע מענטשן, וואס האבן רחמנות געהאט אויפן 'יתום'". שע, יידישע שרייבער, ז' 119.

1910 " איצט גיט דער גוטער, באַרעמהאַרציקער מיניסטער אן עצה. [...]". פרוג I, נ"י, ז' 291.

1943 " עס רוקט זיך דער ווייזער צום צוועלף - // א, גאט באַרמהאַרציקער, העלף! באלד וועט דאס געשען, דאס וואס איז איין מאל געוועזן ". דא, אב הרחמים, נ"י, ז' 49.

|| באַרעמהאַרציקייט -- די, פֿפֿ: באַרמהאַרציקייט

ארב און דטש פארמ באַרמהערציקייט |. רחמנות, רחמים, מיטלייד. % די יידן האבן ארויסגעוויזן א באַרמהאַרציקייט צו די פליטים, געהאלפן זיי מיט אלצדינג.

1850 " ליבר גאט נייג דיין דיין בארם הערציקייט אויף מיר און אויף מיין מאן און קינדר און וועש אפ אונזרע עבירות ברחמיך הרבים ". שערי דמעות התחנה, ברעסלויא, ז' 16.

243. [redacted] – באר

"... [...] ,ענען ליבשאפט, בארעמהערציקייט און גערעכטיקייט די געטלעכע אטריבוטן אינעם מענטש !".

פרק XI , ז' 194.

1940 " און ווילסט נאך, דיר זאל אפגיין גלאט, // אויף בארעמהארציקייט דו ווילסט נאך האָפן ". אקש,

~~מזרח און מערב~~, מאסקווע, ז' 53.

מיזרעך און מײַרעװ,

בארעמהארציקער ברודער -- דער, ברודער. ( זן )

פאניטאר, קראנקן=וועכטער ( ס'רוב געניצט אין מיליטער).

% דער בארמהארציקער ברודער האט איבערגעבונדן די

וווּנדן פון דעם סאלדאט.

0 בארעמהארציקע שוועסטער -- די, מצ דז. קראנקן=

שוועסטער [ דער אויסדרוק געניצט ס'רוב אין מיליטער].

% די בארמהארציקע שוועסטער האט איינגעשטעלט דאס

לעבן און ארויסגעטראגן דעם פארווונדיקטן פון

שלאכטפעלד.

F1923..E " מיך פייניקט א שרעקלעכער דורשט. איך ווענד

מיך צו א פארבייגייענדיקער בארמהארציקער שוועסטער:

– א ביסל קיפּעטאָק !". א. זאק, ציט אנט, ז' 268.

(אין אַנטע פֿליגל פֿון טויט,)

1951 " קריסטלעכע 'בארמהארציקע שוועסטער' זיינען

געשטאנען אין די באן=סטאנציעס מיט פארלייגטע

הענט און קאלטבלוטיק זיך צוגעקוקט, ווי ניט=געניטע

הענט טראגן אריין אין די וואגאנען קראנקע און

גוססע יידישע נפשות ". ל. שטיין, זב ליטע I,

נ"י, ז' 100.

1920 " אין איין ארט איז געלעגן א יונגע בארעמהערציקע

שוועסטער מיט א רויטן צלם אויף דער ברוסט ".

סעג, פון רוסלאנד [...] ווארשע, ז' 26.

ם <u>בארמהערציג / ברים הערציג / ברם הרציג</u> .

1602 " דען איך בין <u>ברם הערציג</u> אדער שפריכט באס
אונ׳ וויל נים איביגליך צירנן ". <u>מ. שערטילש</u>,
<u>ספר ירמיה</u> ג - יב, פראג.

1688 " [...] אונ׳ גינאד בייא דען <u>ברים הערציגין</u>
קיסר י"ה גיאכט צו ווערן ". <u>אהרון בן יוסף</u>,
<u>איין שין נייא ליד</u> [...], פראג, צים MGWJ, 1937,
ז׳ 226.

1748 " <u>בארמהערציגר</u> גאט [...] נוא בויא דיין טעמפיל
[...]". <u>י. מ. עפשטיין</u>, <u>סידור תפילות</u>,
אמשטרדם, תק"ח, קמח.

<u>בארמהערציקייט / בארם הערציקייט</u>.

1712 " דען זייך <u>בארם הערציקייט</u> איז יוא זא גרויש
אלש ער זעלבסט איז ". יוסף מארשן איבז פון
<u>יהושע בן סירא</u>, אמשטרדם, תע"ב.

1729 " זאלסט מיר געבן [...] גיזונד אונ שכל [...]
אונ׳ <u>בארמהערציקייט</u> איך דיין אויגן ". <u>נייאי</u>
<u>תחינות ובקשות</u>, הומבורג, תפ"ט.

ב א ר ע מ ה א ר צ ע ד י ק -- <u>אדי/ אדוו</u>. <u>דזוו</u>
<u>בארמהארציק</u>,

1956 " אויף קוליעס זיינען די ארוים, צערייסט,//
אונטער די הענט פון <u>בארעמהארצעדיקע</u> שוועסטער".
<u>פמ</u>, <u>מלחמה II</u>, נ"י, ז׳ 474.

באַרעמט -- פאַדי/ פאַדוו פון באַרעמען. ארום-
גענומען ( ווי ) מיט א רעם, איינגעפאסט ( ווי )
אין א רעם; איינגערעמט.

1973 " די באקן בארעמט [פאַדוו] מיט פאסמעס שאטענע
האר". ל. אליצקי, וואלינער יידן, ת"א, ז' 81.

(נ?) באַרע מינצע -- „באַר געלט, מזומן" [קסוו],

באַרעמלט -- פאַדי/ פאַדוו פון באַרעמלען (שנש)
ארומגענומען, ארומגעפּאסט ( ווי ) מיט א רעמל.

1945 " א גארטן [...] מיט שטילער, מיט גאלדענער
בענקשאפט באַרעמלט." אי. פעפער, שאטנס
פון ווארשעווער געטא. נ"י, ז' 52.

באַרעמל|ען -- טרוו, [מטושט 141]. ארומנעמען
( ווי ) מיט א רעמל.

||=רנג -- די, =ען | מארק ווב | 615.

באַרעמע -- די, =ס. פֿפֿ באַרעם, ברעם, ברעמעניץ.
א פאק, בינטל, אַרעמפֿל. % א באַרעמע האלץ.
~~"די פלעגט זיך אפילו נישט פוילן צו כאפן א באַרעם~~
גרעט." [קסוו].

1963 " מיט דער דאַזיקער באַרעמע איז ער גיך ארויפ-
געקראכן אויף די בוידריפֿן און די אייזערנע קרוקעס
באפעסטיקט ". זש, צו טמז, XI/ 8.

באַרעמען -- טרוו. אַרומנעמען (ווי) מיט אַ רעם; אַרומרעמען.

1951 "דער שטערן [...] האָט פּונעם לאַקנבלאַנד געלאָזט זיך צאַרט באַרעמען". י. יאַנאַסאָוויטש, אַ שטוב אין שטעטל, בוענאָס־אײַרעס.

באַרעם=שוועסטער -- די, מצ ־ס. דזוו באַרמהאַרציקע שוועסטער.

1945 "רוף צונויף דײַנע באַרעם=שוועסטער // און גיי מיט זיי פֿון לאַנד צו לאַנד". אַנט המשך ליד "מרים" ז' 431.

באַרען -- טרוו. פּפּ באַרענען, דזן בערען. (שש)

1. זאָגן ליגן, פֿאַרדרייען אַ קאָפּ.

1950 "באַרענען - זאָגן ליגן; דערציילן וואָס ניט געשטויגן, ניט געפֿלויגן". מ. מאַרק, יידישע שפּראַך X - 1.

1939 "וואָס באַרעסטו מיר אַ קאָפּ?" זש, ביים דניעפּער, ווילנע, ז' 130.

2. אָפּנאַרן, שווינדלען. % דער פּאַרשוין באַרעט דיך - פּאָלג איט ניט, ווײַל דו וועסט האָבן היזק. דער ציגײַנער האָט געבאַרעט דעם פּויער און פֿאַרקויפֿט אים אַ קאַליקע פֿערד.

1947 "אַפֿילו קראַנקערהייס באַרעט ער זיי, די יידן". ה. דאַביץ, אויף ווייסרוסישער ערד, מאָסקווע, ז' 217.

3. (וואולג) האָבן געשלעגלעכע באַציִונגען, תשמיש.

[באַרען קאָן זײַן דער אַנאַגראַם פֿון "רייבן" (ראָבן), וואָס ווערט אויך געברויכט אין וואולגאַרן יידיש אין זין פֿון תשמיש].

17 **בארען די קאמיסיע** -- (~~לאקל~~ רוס, בוקאווינע) בלאָפן, ליגנערן [קטוו].

**בארע זיך אוועק** ! -- „טראג זיך אפ, גיי אוועק פון מיר!״ [קטוו].

**בארען אויף טראמבע** -- (לאקל, ווילנע, מינסק, ריגע) „ליב האבן צו נעמען אלץ אויף בארג [קטוו].

**בארע נישט די ראטע** ! -- „פושער נישט, ארבעט גוט, גלייך מיט אלעמען. [דאס ווערטל שטאמט פון דעם ערשטן וועלטקריג; יידן האבן געארבעט אויף שאסייען און זיך אנגעטראפן אויף פראסטע לייט, גראבע יונגען; ווען עמעצער האט געארבעט שלעכט, פאוואליע און דערמיט געמאכט אנדערע צו ארבעטן מער, האט מען אים געזאגט: בארע נישט די ראטע. שפעטער איז דאס ווערטל אויך אריבער אין די פאבריקן [קטוו].

**באָרען זיך** -- קזוו. | /זז: בארעווען זיך, בארענען זיך.

1. (ספּאָרט) פירן א צווייקאמף, ווער וועמען ס'וועט אוועקלייגן אויף די לאָפּאַטקעס. % דער עולם קוקט מיט א פארכאפטן אטעם, ווי די בארימטע אטלעטן בארען זיך. זיי בארען זיך לויט אלע ספּאָרט=כללים.

2. ראנגלען זיך מיט עמעצן אויף אן אמת אדער אויף קאטאוועס, פרווון ווער ס'איז שטארקער. % די חדר=יינגלעך האבן ליב צו שפּרינגען, לויפן, [illegible] בארען זיך, ווען דער מלמד זעט ניט. ער האט זיך געבארעט מיט אלע כוחות, ביז יענער איז אים בייגעקומען. 1869 " זיי [די האַיפּיש] זענען זייער ספּריטנע, בארען זיך מיט די שטארקסטע ים=חיות ". קמ, נ׳ 46, [illegible] 321.

1901 " ליפא, ליג גלייך! [...] מאך ניט קיין אנשטעלן,
איך האב קיין כוח ניט צו בארען זיך מיט אזא
בחורעץ ". שע, מעשיות פאר יידישע קינדער !!....
צו 1905 לוח יובל (ווארק), נ"י, 1944, ב' II, ז' 105

E1920.F " ווערט א געלעכטער צווישן די לאבוזעס און
זיי נעמען זיך יאגן איינער נאך דעם אנדערן [...],
בארען זיי זיך, ווערט זיי ווארעמער".
ע. ווארשאווסקי, שמוגלארס, ציט אנט, ז' 237.

3. ( פיג ) ראנגלען זיך מיט עפעס א געפיל, מצב,
דערשיינונג אע. איך בארע זיך מיטן זיסן %
פרימארגנדיקן שלאף - עס ווילט זיך ניט אויפשטיין.
ער האט זיך לאנג געבארעט מיטן יצר=הרע, ביז ער האט
אים גובר געווען.

..." ס'ועט קומען די צייט פון דיין חתונה, // דו וועסט
אנטאן דיין חופה=קלייד, // און איך וועל ליגן אויף
מיין בעטל // און בארען זיך מיט דעם טויט". פל.

1879 " האבן זיך [די כוואליעס] איינע מיט דער אנדערע
געבארעט מיט איינעם גרויסן רוישן און ליארעם ".
אמד, דער אומגעבעטענער גאסט, ווילנא, ז' 8.

1944" מיר בארען זיך מיטן אות פון דין ". י.ז. סיגאל,
לידער און ליבן, מאנטרעאל, ז' 447.

1971 " איך בין שוין א מידער - // פון בארען זיך
מיט נויט ". נאד, (הלמוז פ,) קריטיק, ליריק, ב"א, ז' 108.

|| = (ע)כץ -- דאס, [לב]. דאס בארען זיך, געראנגל.

=ניש -- דאס, =ן. ( שש ) דאס לאנגע אורך זיך
פילמאליקע ראנגלען זיך מיט עפעס.

1886 " ער האט זיך נאך עטלעכע יאר בארעניש מיט דער
גוטער קרענק [...] געמוזט אפגעזעגענען זיך מיט
דעם לעבן ". שע, יוסילע סאלאווייי, .... צו 1890
לוח יובל (ווארק), נ"י, 1944, ב' III, ז' 29.

249 . באר -

ב אַ ר ע נ ד ע ר ט -- אדוו. ארום-
שלוגענומען, ~~ארום ארך ארום~~,

1940 " דער האריזאנט באַרענדערט מיט בערג, בלויז קייטן
פון די קאָרדיליערן ". קאָר III, נ"י, ז' 248.

ב אַ ר ע נ י צ ע - די, =ס. ~~ראס~~ באַראַניצע.

1961 " [...] זיך איינגעדעקט די פיס מיט די וואַרעמ=
עסטע באַרעניצעס, איבערגעצויגן דעם שליטן מיט
א פוטערנער בויד". פ. רודאי, צ' טמז, VIII/6.

ב אַ ר ע נ ע - ---- באַראַנע.

ב אַ ר ע נ ע ס ע -- די, =ס. ( לאקל, לידע, ווייסרוסלאַנד)
איראניש אויף איינער וואס מאכט זיך פאר א יחסנטע.
1966 " באַרענעסע, ניט באַראַנעסע, געניצט געווייינטלעך
איראניש. ' זי איז מיר א גאנצע באַרענעסע '".
י. גאניזאוויטש, יישפ XXVI - 2. ז' 53.

ב אַ ר ע נ ק אַ ו ו ע -- אדי, דזוו באַראנקענע (פון
באראשעק, פון שעפסן). % באַרענקאַווע היטלעך

1872 " [...] אלע פעלצלעך [...] און אלע באַרענקאַווע
קוצמעס [=קוטשמעס] פיל עס געפינען זיך אין דער
קהילה זיינען אויף דער בעלי=בתים". א. צונזער,
דער סנדק, איידקונען.

ב אַ ר ע ס -- אדי. ( דטשמ ~~ווארטש~~ ) דזוו באַר.
געניצט אין באהעפט באַרעס געלט
(מזומן)

1886 " זעלבסט פארשטענדלעך קענען די ממונים אים שויך
ניט געבן קיין באַרעס געלט, זאנדערן איין שטר אדער
א צעטל אויף זיין מייל". ייפאל נ' 42, ז' 670.
1928 " אלץ האב איך צוגענומען, געצאלט באַרעס געלט".
אפּא X, ווילנע, ז' 122.

250.- באר -

1948 " מיר ווארפן זיך מיט וואכן און מאנאטן // אין וועג פון וועלט, // ווי פוסטע קינדער ביי א רייכן טאטן // מיט בארעס געלט". י. ראנטש, געקליבענע לידער נ"י, ז' 139.

**קריגן ( געבן ) קולאקעס בארעס ( גלור ) - גוטע, שטארקע קלעפ. [קטור].**

1883 " פון דער ווייב האט ער באקומען א פאר טוץ קללות, און ער האט איר געענטפערט מיט א פאר זודיקע פעטש און עטלעכע קולאקעס בארעס ". [שאנאביס] דער רייזענדער, ווארשע, ז' 17 - 18.

**ם באריש געלט.**

1688 " דאז מאן אים זיין ביטל ניט נעט // ביז דאז ער זיין קויפמאן שאץ אב[ק]עם // און דאז ער זיין באריש געלט דרום מעכט האבן ". ספר משלים, פפדם, ל"ג[?].

(??נ?) באַרעץ -- דער, מצ באַרצעס. (רוס, נא)אטלעט, 250 .ז ;נ

דער וואס ראנגלט זיך מיט א צווייטן, ווער ס'ווערט

ווערמען אוועקלייגן אויף די לאַפּאַטקעס.

R: борец – борцы

1960 " האסט גבורה פון א באַרעץ (ראנגלער) ".

ש. סיימאָן, צווייגן, ב"א, ז' 124.

250.5

באַרעק I -- דער, | מצ? | ."ארטשיק פון אן אקער אדער וואגן" | קטוו | .

1883 " און אויסער די ווערטער: "שערעבעץ [= פערד], יאמשטשיק [= אנטרייבער], כאמעט, באַרעק [...] פאַיען [אנטרינקען די פערד], פוראזש [...] - רעדט ער קיין מאל ניט ". ייל, מיין ספר הזכרונות, נ' 4, אדעס, I - 5.

באַרעק II -- דער, | מצ? | . ( גלש ) א שליסל.

[ י. טריוואקס, גנבים=שפראך, זב ביי אונז יודן, ווארשע, ז' 161. ] 1923

ב א ר ע ר -- דער, =ס. (אלפ) בויערער, עקבערס. (?נ?)

1889 " שיתברו הנטרים במסמורת של ברזל [...] שידוע שאי אפשר להכניס המסמורת עד אשר ינקבו ' בבארער' מתחילה [...] ". יואל בר' אליעזר אונגער מרעכניטץ, שו"ת ריב"א, פאקש, שאלה ס"ה, דף מב, 1.

1915 " עשויים הבארערס באופן שיש להם חלל והמים הולכים על ידיהם ממטה למעלה [...] ". אליעזר חיים הייטש, באניהאד. שו"ת פרי השדה, IV, פאקש, דף בטז /1.

ב א ר ע ש - [דער? מצ?] . בוימוואל = סחורה, [קמ, נ' 16, 1863, ז' 255.

רעד: אפשר דאס אויגיגער וואס באריש!

ב א ר ע ש ן [באראאשן] -- טרוו. (שנש) פארפולן מיט רעש, גערויש.

1921 " דאס האסטו, מיין לאנד, // די וועלט בארעשט מיט קלאנגען, // וועלכע שטייגן היינט פון דיינע גלאקנטעסטן". אקש, וועגט, קיעוו, ז' 18.

ב א ר ע ש נ י ק -- דער, =עס. [אקצענט?] דזוו בארישניק.

1889 " זיינע קינדער [...] ביז דער חתונה לאזט ער זיי קיין קאפ ניט אויפהייבן [...], [בארעשניקעס] טעקסט: בארעשנעקעס], [...], אן כאראקטער], טיראנעך". העני העלפמאן, דיא פערפירטע יוגענד, ווארשא, ז' 13.

רעד: אויפגעמען דאס 13 באריש?

252.8 באר -

באַרפֿוס / באָרפֿוס -- אַדי / אַדוו. (אַדו)

בארוועס, אָן שיך און זאָקן. מיט די הוילע פֿיס.

1866 " זײַ האָבן מיט שווערעניש [שווער־ קײַמען]

געקריגן 4 אָרעמע בחורים באַרפֿוסע, נאַקעטע און [...]

אָנגעהויבן [...] צוגרייטן [...] די 4 חופּות ".

קמ, נ' 38, ז' 576.

1872 " דאָס זײַ [די כוהנים] זיך האָבן מוזן אַלע צײַט

טובֿל זײַן אין קאַלט וואַסער און דערנאָך האָבן זײַ

מוזן באַרפֿוס [אַדוו] גײן ". צו"ר, חדר"ם, תּצוה.

||=ערהייט -- אַדוו. באַרוועסערהייט, אין דעם מצב

פֿון זײַן באַרוועס .

1910 " ער האָט אָנגעטאָן דאָס הײַטל און איז אַוועקגעלאָפֿן

באַרפֿיסערהייט ". | דווער איבד?| מ. גאָרקי, קאָנאָוואַלאָוו,

[illegible], ז' 46.

ם באַרבוש / ברפֿוס.

1544 " דר קוניג אונ' דיא זיינן גינגן צו בוש

דא הין". // ליידיג און באַרבוש צו וליהן ווש איר

זיך". שמואל =בוך סטראָפֿע 1446.

1716 " אונ' דײַן שוך זאָלסטו אויש ציהן פֿון דײַן פֿיס

גלײַך אַז אײַן אַבל אונ' ער [ישעיה] טעט אַזוי

אונ' גינג נקיט [...] אונ' ברפֿוס ". סהמ, III,

ווילהערמרשדאָרף, י"ח, 33.

באַרפֿוסיק / באַרפֿיסיק

-- אדי / אדוו. (אַלט) דערגרײַכט הײַנטיקס.

1862 " נאר איין קליין טייל פון דוא פראנצויזין זעניך צוא ריק קיין פולין אקעגין ווארשי מוט צוא ריסנע קליידיר און באר פֿוסיק אַן שיך". אנאנים, איין שיינה מעשה פון איין גרעפין אין פולין, טשערנאוויץ, ז' 4.

1893 " א דיקער מאן אין א כאלאט אנגעטון, אונטן מיט די בלויזע גאטיעס, אין שטעקשיך און בארפיסיק ". י. ארנשטיין, רעיונות ישראל, יאס, ז' 221.

1936 " [...] וואס מיר האבן געזינדיקט מיט די פיס צו לויפן, [...] וואס דאס בית=דין איז דערויף מגדה און מיר וואלטן געדאַרפן גיין באַרפיסיק ווי די נדוים ". מחזור ע"ט בית ישראל, יום-כיפור, ווילנע, ז' 24.

|| באַרפוסיג / באַרפוסיג.

1711 " שטיט אויף אונ' זעכט וויא מן אייערי קינדר נאקיטיג און בארפוסיג אונ' שווער גילאדן אין גלות פירט ". צאינה וראינה, תרגום שני, אמשטרדם, קפב. 24.

1722 " |...| אונ |אבשלום| האט פר אורזאכט דש זיין פאטר |דוד| איז ברפיסיג גנגין אונ' האט גוויינט". העתקת ר'משה פרנקפורט, מנורת המאור, אמשטרדם, עה/ א.

1786 " און די קינדר יעקב אונ' די קינדר עשו גינגן אלי בארפוסיג אום די מטה פון יצחק ". יעקב בר' מתתיהו הלוי, תם וישר, נאווידוואהר.

באַרץ -- דער, =ן. | R: борть

א בינשטאק, וואס געפינט זיך אין א חלל פון א בוים אדער אין אן אויסגעדלובעטער קלאָץ. קשרה. דער בער האט אריינגעשטעקט די מארדע אין באַרץ, ~~דער בער האט אבער~~ אבער די בינען זענען אים באפאלן.

דער פאסיעטשניק נעמט ארויס האניק פון די באַרצן.

באַרצועהט [באַרעצועט] -- אדי. [שנש] מיט אנגעוויקלטע רצועות פון די תפילין.

1961 " מאיר=מעכל שאָקלט דעם באתּפילינטן קאפּ און באַרצועהטע האנט מיט א ניגון . מ. גראסמאן, זש' היימיש, אפּריל=מאַי, ז' 35 - 36.

באַרצחנ[ע]ן [באַראַצכענען] -- טרוו. באַרויבן, אלץ בונעמען מיט גוואלט. % די פאגראמשטשיקעס האבן באַרצחנט די יידן פון שטעטל.

1888 " כדי זיי זאלן קענען אונדז מחייב זיין [...] אין אן עוון פון א רציחה און אויפרייצן דעם המון= עם מע זאל אונדז באגזלנען און באַרצחנען ". י. לעוו, אויף פון ה. היינע, ייפאַל, נ' 10, ז' 300.

באַרצלקרויט -- די/דאָס, באַ. געוויקס, [מין קרויט ? קרייטעכץ ? |.

" שמחה פּיעטרושקא פּארטייטשט אזוי דעם טייל פון דער משנה : הפיגם, ראוט=קרויט, והירבוזין ( רשוטים |...| והחלגלונות, און באַרצל=קרויט [...] זיינען פטור פון מעשר". אלף כץ, יישפּ, XIV - 3, ז' 93.

באַרק -- דער, =עס. ( פטמ? ) בוריק.

|...185?| " אז מען וויל האבן אז עס זאל קיין קנאביל פון דעם מויל ניט שמעקין זאל מען נאך קנאביל עסין איין גיבראטנים זיסין באַרק אודר ביב גיזאטינים ".
ספר רפואות, אמשטרדם | לעמבערג ?| ז' 19.

... " די פיס פלעגן מיר געשוואלן ווערן ווי די באַרקעס".
פּרץ, בילדער און סקיצען...

1967 " ארויסגענומען א מאל א ריב, א מאל א מער, א בארקל, אפגעגריזשעט א פיץ". י. קייטעלמאן, צ׳ פאר, 14/V.

רעדן: פּשוטן צו קורוק?

באַרקאַזש -- דער, =עס. אייגנטימער פון א באַרקע (שיף) [קטוו].

באַרקאַן -- דער, =עס. (לאקל, מאלדאוויע) ״אן ערד=געגרבענטער טאפּ.״ Mold: borcan
% ער האט אויסגעטרונקען א גאנצן באַרקאַן וואסער. [קטוו].

בּיק -- דער, =עס. ״ערדענער קרוג״ [קטוו].

באַרקאַס -- דער, =ן. קליינע שיף, ס׳רוב געניצט פאר סביך=טראנספארט. % פול באַרקאַסן, געלאדענע מיט סחורה, שלעפן זיך פּאוואליע טייך=ארויף.

1934 " פאר טאג האבן די קאמונארן געהארעוועט ביים ארויפשלעפן די מאשינעס אויפן באַרקאַס ". מ. גאלדשטיין, בירעבידזשאנער אויפן אמור, מאסקווע, ז׳ 10.

באַרקאַפּ -- אדוו. ״דזוּ באַרהייפּטיק״ [קטוו],

באַרקאַראָל(ע) -- די, =ס. % לאנג האבן מיר דערמאנט אונדזער שפּאציר איבער די קאנאלן פון ווענעציע און די באַרקאַראָלעס פון די גאנדאליערן. ליד פון ווענעציאנישע שיפערס, איינגעפירט געווארן ווי א באזונדערער זשאנער אין דער מאדערנער מוזיק דורך שאפּען, מענדעלסאן, אפענבאך א״א.

באַרקוט -- דער, =ן, (שלש) גראבער יונג, אומאיידעלער מענטש [קשוור]. %. אזוי פירט זיך ניט אויף אן אנשטענדיקער בחור, נאר א באַרקוט.

באַרקיט -- דער, בא. זויער=וואסער [?].

1895 "באַרקיט (זויער וואסער) מיט ווייץ זאל מען אויף אזוי נוהג זיין, ווי עס שטייט אין אות ג' [ד"ה, מאכן די ברכה שהכל]". ספר מקור הברכה, מונקאטש, ט. II.

באַרקיפּער - דער, =ס. (אַם) אייגנטימער פון א באר.

באַרקע I -- די, =ס. שיף מיט א פלאכן דנאָ ניט=הויכע בארטן, ס'רוב געניצט פאר סחורות=טראנס=פּארט. % מע האט אנגעלאדן א באַרקע מיט צעמענט.

די באַרקע איז צו געשווומען צום ברעג.

1855 " [...] כבאו שניהם לשפת הנהר | דניעפר | והנה עמדה שם ספינה גדולה (שקורין באַרקע)". יהיאל העליר [...], שו"ת עמודי אור, קעניגסבערג, תרט"ז, דף מ/3.

1887 " אייניקע פארבייגייענדע האבן זיך אפגעשטעלט אויפן ברעג און האבן געקוקט ווי די באַרקע איז דורכגעגאנגען דעם בריק ". מ. ב. זאביעזענסקי, די שווערע צייט IV, ווארשא, ז' 34.

1916 " אזא מין שיף, א באַרקע אדער א בערלינע, און אויף דער בערלינע שטייען פורן, פערד און מענטשן". שע, פונים יאריד, I, ז' 223.

ם באַריק.

1743 " [...] אבער דר פירזר [=וויזיר] ווישט שוין מיט אים צו טאן וואר דארום שיקט ער אים איין גוואפנט באַריק אנטקיגן ". שאַר, קד. 2.

באַרקע II -- =ס. גענוּצט בלויז מצ. (פּאַלאַניזם,) אַקלען. % ציען מיט די באַרקעס, קוועטשן מיט די באַרקעס. [582,332 סמוטש].

stet!

באַרקע III -- די, =ס. ---> באַרכע (חלה).

באַרקע -- די, =עס. ------> בורקע (מאַנטל).

באַרקעיונג -- דער, =ען. (בּלש) אַ גנב וואָס כאַפּט אַראָפּ אויפֿס, גרינוואַרג פֿון די פֿורן, | ש. לעהמאַן, גנבים און גנבה, זב ביי אונז יודן, וואַרשע, 1923, ז' 45].

באַרקענטין - ---> בריגאַנטין.

באַרקעניסל -- דאָס, =עך. שמחהלע, בריתל" [ קטורן].

באַרקעפּיק -- אַדוו. (אַלט) מיטן הוילן קאָפּ, בגילוי ראש; דזוו באַרהייפּטיקס.

1868 " מילא, אַז מען וויל נאָך באַהויפּטן תנ"ך, גמרא זאָל מען ניט לערנען באַרקעפּיק [ אַ טעקסט: באַרקעפּיג ], כאָטש עס האָט אויך גאָר קיין זין ניט". קמ, נ' 46, 339.

באַרעכט -- דאָס, בא. (אַלט) פּאַרציייטישער אופֿן פֿון פֿירן אַ געריכט=אויספֿאָרשונג ביי אַ מאָרד.

258 . באר -

1887 " דאס באהררעכט [ מעקסט: באהררעכט ] וועלכע מען האט
דאס רוב געוועגדעט דעם אמתן רוצח ארויסצוקריגן איז
אין דעם באשטאנען: מען האט דעם געמארדעטן ארויפ-
געלייגט אויף א מטה, און דער וועלכן מען האט חושד
געווען, אז ער איז דער מערדער, האט דעם מת זיינע
ווונדן געמוזט אנרירן; האט זיך פון מת געוויזן
בלוט, אדער עס איז אים געגאנגען שאַם [=שוים]
פון מויל [...] איז דאס געווען דער סימן אז דער
איז דער רוצח ". הא"נ"ר, ר' שלמה וואונדערהאלד,
ווילנא, ז' 103 - 104.

באַרש - דער, =ן. (זאאל) פיש (ווסנ
[איבז ז. רייזען, א. שמייל, זאאלאגיע II,
טערמינאלאגיע, ווילנע, 1921]. (PERCA FLUVIATILIS

באַרש - דער, =ן. פיש, אנדערש גערופן אָקון
(PERCA FLUVIATILIS

באר=שבע [בעער=שעווא]. 1. (גג) נאָמען
פון אַ שטאָט אין דרום פון ארץ=ישראל.

2. שפּאַסיק וועגן דער שטאָט וואַרשע (וואַרשע=פּיל:
באר=שבע=וואַרשאַווא - פוילישער נאָמען פאַר וואַרשע).
1898 " דאָ אין באר=שבע אויף די נאַלעווקי=גאַס [...]".
א. מארגענשטערן, עגל הזהב, וואַרשע ז' 16.

באר=שחת [בעער=שאַכאַס] - דער, בא. (לל)
1. גרוב, קבֿר,
2. אָפּגרונט, תהום, גהינם. % די זינד וועלן אים פירן
אין באר=שחת. די לאַפּיטוטן פון באר=שחת פרייען זיך
ביים פּייניקן דעם רשע.

בער - 258א.

1872 " ער [דער יצר=הרע] פיל מער געווינט און מיט ווייניקער טרחות און שפייזן דעם מענטשן אין באר=שחת ברענגען קען". ה. ליכטענשטיין, עת לעשות !!, סאטמאר, דף ל"ד.

באַרשט -- די, מצ בערשט / באַרשטן 1. מכשיר צו רייניקן פאַרשיידענע זאַכן, באַשטייט פון א באַזע (האָלץ, פּלאַסטיק אַע) און אויף איר אנגעשפּעקט ווערטיקאַל שטייפע האָר (א מאָל חזיר=האָר) שטשעטשינע, לעצטנס פון פּלאַסטיק). % די באַרשט צו קערן די פאַדלאָגע איז שוין אויסגעריבן. דאָס בערשטל צו פּוצן די מלבושים ליגט אין שופלאַד. מע דאַרף קויפן א ניי בערשטעלע צו די ציין. דער מאַליאַר האָט איינגעטונקען זיינע בערשט אין פאַרב. אויסרייניקן ווי מיט א באַרשט... " זעסט? א פלעק פון חלב! - זי קראַצט מיט די נעגל, גייט איבער מיט דער באַרשט". פּרץ, !!, ז' 211.

1908 " און איין מאָל אין וואָך אַמווייניקסטן אַרומרייניקן דעם שטויב פון די ווענט און פון די מעבל מיט א באַרשט". מ. גאָטליעב, פּאָפּולערע אַלגעמיינע היגיענע, וואַרשא, ז' 11.

1968 " א שמעגדיקער גאַסט אין סאַנאַטאָריום [...] איז געווען דער באַרשטן=קעניג, דער טאַרנאָווער ייד ווייסבלאַט " ב. אַרענשטיין, יזב אַטוואַצק, ת"א, ז' 816.

259 . באר -

2. טייל פון א מעכאניזם, זעט אויס ווי א בארשט,
למשל אין וועבעריי=ווארשטאטן, באשטייט פון א ברעט,
אויף איר אנגעשטעקט אייזערנע ציין, דינט צו בארשטן
דעם פלאקס, וואל אע.

1951 " דאס ריינען געוועהן אזעלכע בארשט=מאשינען צו
רייניקן וואל און צוגרייטן עס צום שפינען ".
מ. כץ, זב ליטע ! , נ"י, ז' 1875.

|| =יק - אדי/אדוו. ווי א בארשט.

1914 " תסמר - ווערט בארשטיק |טעקסט:ווירד בארשטיג|
הארט". אורח, איוב, ד - טו, ווארשא, ז' 125.
[ת"ך: קאפויר שטעלן פלעגט עס די האר].

1960 " |...|

בארשטן=אינדוסטריע -- די, בא.

1960 " [...] אפט [...] א וויכטיקער פראדוקציע=נערוו
פון דער בארשטן=אינדוסטריע |...|". ל. טרייסטער,
זש' צוק, מערץ.

בארשטפאבריק -- די, =ן.

1951 " כדי צו קענען מיט א גרעסערן דערפאלג פירן די
אקציע צווישן די בערשטער, איז יעדער פון זיי
אנגעקומען ארבעטן אין א בארשטפאבריק ". מ. לאדסקי,
זב ליטע !, נ"י, ז' 1260.

בארשטנשאפ -- דער, =ן. [שאפ=ווארשטאט] פאבריק
אין געטא

1968 " אויפן ערשטן פלאן איז געווען די גרינדונג פון
א בארשטנשאפ, ווייל אין אטוואצק איז דעמאלט געווען
דער קעניג פון דער בארשטן=אינדוסטריע פון ווארשעווער
געטא ". ב. ארענשטיין, יזב אטוואצק, ת"א, ז' 814.

בארשטמאכער -- דער, =ס. | 2ל |

1939 " עפעס א לייטישער מענטש ? - א בארשטן=מאכער".
י. פערלע, יידן [...] ווארשע, ז' 60.

0 **פראטעריר=בארשט.**

1973 " אחוץ דעם רויש פון דער פראטעריר=בארשט האט
סאמועל באוויזן אויפצוכאפן דאס הייזעריקע קול
פון רייזלען, דער קעכין ". ח. ראזענפארב,
בוים פון לעבן, ת"א, ז' 38.

אי קאַטשע, אי פּאַגעלע, אי שטעקן, אי בעזעם, אי
בארשט, אי שמאַטע, אי טוך, אי פּליוך, אי ליוך ".
קינדער=ציילעניש, ציט גאפ, נ' 7, 1953, ז' 64.

ם **בוירשט.**

1.

..." האבן די קינדער דרויף גיזעצט אונ' אנדרי ור
ניכטי זכין דרויף גיליגט אז איין בוירשט אודר איין
קאם ". ברנט שפיגל, פפדמ, פרק יד.

ב אַ ר ש ט -- דער, =ן. פּפּ בארשטש. זיס=זויערע
( וויניקע ) זופּ פון גרינסן, א פאפולער מאכל ביי
יידן; געווען אנגענומען דער עיקר אין צוויי סארטן:
א) רויטער בארשט, אויסגעקאכט בלויז פון רויטע
בוריקעס, באטעמט מיט א זיערס פון לימענע אַע)
און צוקער, לויטן געשמאק; ב) אוקראינישער בארשט
-- פון קרויט, פאמידארן און אנדער גרינסן, באטעמט
ווי אויבן ; א בארשט קאן זיין א פליישיקער,
מילכיקער אדער פּאַרעווע. ס'איז אויך דא א בארשט
פון שטשאוו ( שטשאווי ). % שטעלן ( איינשטעלן,
זייערן ) בארשט אויף פסח. פארווייסן דעם בארשט

מיט סמעטענע. די קעכין האט שוין אנטערגעשלאגן
( איבערגעשלאגן, אנגעשלאגן ) דעם בארשט מיט אן איי.
די קינדער, נעבעך, מוזן זיך באניגענען מיט א
פארעווען בארשט. אויף א לייטישער מלווה=מלכה=סעודה
מוז זיין א בארשט. ניטא קיין בעסער מאכל אין א
זומערטאג ווי א קאלטער בארשט מיט קארטאפל.

1863 " [...] איז דאך פארזארגט מיט אלעם גוטן [...]
שמאלץ און אייער גאר בעז טשאס [=אן א שיער], און
בארשט איז דא א גאנצע דישקע [=דייזשקע], ~~קארטאפליעס~~
[...]". ה. רייסמאן, דער קיסטעל, ווילן....

1898 " זיי האבן אנגעהויבן צו שפירן, אז זיי זענען
ניצלעכע מענטשן אויף דער וועלט, נישט בלויז
ארייננצורוקן א בארשטש, א קרופניק אדער א געזונטע
פאלקע ". נ. ה. נייומאנאוויץ, דיא ביידע הערשלס,
ווארשע, ז' 45.

1911 " האט זיך דארט געקליבן אייַנציקע שטשאוועלעך [...]
און איז זיך ווייטער אוועקגעגאנגען מיט א טעפעלע
נאך מילך [...] און דערפון אונטערגעשלאגן א בארשטש ".
ווייס, I, ז' 123.

1948 " |...| ווערט שוין אין בעל=הבית'ס=פארמעגלעכע
הייזער באלד נאך פורים דער פסחדיקער בארשט געשטעלט".
נס, משפחה מאשבער II, נ"י.

1948 " האט זיך באשעפטיקט דראזד // מיט סארווערן א
בארשטש אזא ווי אין פאלטאווע ". פמ, מלחמה,
מאסקווע, ז' 123.

1963 " מ׳קאכט פיש, מ׳זויערט איין בארשט, מ׳באקט אלערליי שטרודל ". באש, גימפל תם, נ"י, ז׳ 209.

דיישעבארשט — איבערגעבליבענע זויערטייג וואס מע פלעגט ניצן במקום הייוון.

קליינבבארשט — ( לאקל, קאליש, פוילן ) א זופ פון זויערן קרויט און באשלאגן מיט ווייצענע קליינעך " [ קטוו ].

בארשט מיט אויגן — פעטער בארשט ( ווייל דאס פעטס זעט זיך אויף דער איבערפלאך ווי אויגן ).

1967 " די מאמע [...] כאליעט איין טעלער אריין דעם זודיקן בארשט מיט די גילדענע אויגן ". יפ, ליבשאפט, ת"א, ז׳ 104.

חברה בארשט — ( איר ) געזאגט אויף די חסידים.

1895 " פארט מען אוועק צום רבין אין דער חברה בארשט, און ווייב און קינדער לאזן זיך [...] מוטשען ביז זיי וועלן זיך איבערמוטשען ". יל, פוילישע יונגל, אדעס, ז׳ 84.

( אויסמישן ) קאשע מיט בארשט — צונויפברענגען, דערמאנען זאכן וואס האבן צווישן זיך קיין שום שייכות נישט.

1902 " ער האט דאך אויסגעמישט קאשע מיט בארשט, גמרא און ספרים און אלע ביכער ". שע, ז׳ 121.

גוט אלמאנאך נ"י 1944, ב׳ וו״ט א׳

וואס האט בארשטש צו פּיעטרושקע? – ווי קומט איינס
צום אנדערן?.

1932 " איז ערשטנס, וואס האט בארשטש צו פּיעטרושקע ?
איך קאן זיך נישט בויען קיין זאץ און פון דעסטוועגן
קאן איך זיין גערעכט [...] ". י. ראפאפּארט,
די טומאה אין דער יראה, ווארשא, ז' 6.

וועלוועלער ( בּיליקער ) פון ( ווי ) בארשט -- אויף
א זאך וואס האט א קלענערן ווערט ווי ס'איז אנגענומען,
א מציאה ( אפט מאל איראָניש ).

1882 " ער [ דער צדיק ] האט דעם מקח [ פון פדיון ]
שטארק אראפּגעלאזט; וואס קען שוין זיין וועלוולער
פון ח"י גראשן -- וועלוולער ווי בארשט ". ייפאל,
נ' 44, ז' 676.

איך האב בארשט -- זאגן קארטנשפּילערס, ווען זיי
האבן שלעכטע קארטן אין שרגא.

לויכט ווי דער פּסחדיקער בארשט -- ( [illegible] איר )
אויף עמעצן וואס זעט אויס גוט, האט א רויט פּנים.

אנשפּייען אין בארשט -- באליידיקן, טאן אן עוולה.
" אזא מעשה אפּטאן איר, אזוי מיאוס אנשפּייען איר
אין בארשט " זש, דער ממזר, [...], ז' 48. 1957

ער וועט ( איך וועל ) נישט אוועקגעבן פאר אים ( איר,
מיר ) קיין זאק בארשט -- ( איר ) וועגן עמעצן
וואס איז נישט אזוי חשובֿ [ טייל מאל אבער גוטמוטיק
דווקא אין פּאזיטיוון זינען ].

264 .61 - באר

1888" הערן ווי די קאפעליע שפילט [...] דערפאר וועלן מיר אויעקגעבן א זאך בארשט, פשט: דערפאר וועלן מיר גרייס צו באצאלן, ... עמור, יישפ

T - 5, י"ן 1941.

ס'האט א האפט ווי א פארעווער בארשט -- וועגן א זאך, ענין, וואס האט ניט קיין גרויסן ווערט.

דער בארשט וועט (שוין) דערפון ניט פעט ווערן -- וועגן א זאך, ענין וואס טויג שוין ניט און מע וויל עס מיט א קלייניקייט אויסבעסערן.

!.. " באדאי א שלעכטער בארשט, אבי די שיסל איז טריפה".

| בערנשטיין 2 | .—

איך האב אויך א צד אין בארשט -- (איר) וועגן עמעצן וואס מישט זיך אריין, ווו מע האט אים נישט געבעטן.

פאר מיין בארשט איז גענוג די זויערקייט -- יעדער האט זיך זיין געשמאק אין פארשיידענע זאכן.

אויסגעוואשן די שיסל און ווייטער בארשט | סטוטש 519 |.

שרה, עפעס א גוטער בארשט? -- אט, אבי אן עס. | סטוטש 258 |

אדך איז א בארשט | סטוטש 258 |. [? 6162]

..............................................

..............................................

אריינפאלן ווי פאניע אין בארשט -- קומען אויפן ריכטיקן פלאץ, ווו מע קאן געניסן.

שוו: פון בארשט מיט ברויט ווערן די באַקן רויט --

דווקא די פשוטע שפייזן זיינען גוט צום געזונט.

זיבן יאר א בארשט געקאכט, און צום סוף איז ער גערונען

געוואָרן -- א) אויף א שלימזל, וואס פארעט זיך לאנג ביי אן ארבעט און ס'קומט גארניט ארויס ביי אים; ב) סתם וועגן א לאנגער אנשטרענגונג אן א רעזולטאט.

צו בארשט דארף מען ניט קיין ציין -- וועגן אן עניין, פראבלעם, וואס פאדערט נישט קיין גרויסע חכמה.

אנהייב XIX י"ה. [ "... איך שענק אייך קנין מיט מניך. אי - וויי, א קונץ! צו בארשט דארף מען קיין ציין נישט ".

גענארטע וועלט. ציט סאוו' אויסג' 1940, ז' 73.

" [...] און עס פאלט זיי גארנישט | איין |, אז צו בארשט דארף מען קיין ציינער ניט ". פרץ VIII, ז' 370.

מיט איין איי קען מען א גאנצע שיסל בארשט פארווייסן - א כמותדיק קליינער אבער וויכטיקער פרט קאן אין גאנצן ענדערן ( בעסער מאכן ) א געוויסע זאך, עניין; ס'איז וויכטיק ניט די כמות נאר די איכות.

ס'איז גוט דער בארשט -- (במג ) בלשון סגי=נהור; sic

~~אבי~~ דער מצב א שלעכטער, אבער מע קאן נישט דערציילן.

□ בארעשט

1789 " קח צלוחית מי שעורים מבושלים וערב לתוכן ג' אונצינ עשב של מן העליון של קאהל או הויזלויק [?] או בארעשט ". מענדל לעפין (ON), לוח התרופות, [...], בערלין, תקמ"ט.

רעפ: מיינט עס טאקע 'בארשט'?

באַרשטאַנג - דער/די, =ען. (מעטאַל) אינסטרומענט פאַר מעטאַל-באַארבעטונג, געניצט ביים בויערן, עקבערן.

432

266 באר -

באַרשטול -- געבערשטול. מהד: Bër-stuol,

" משבר - איין בערשטול. מושב אשה היולדת קרוי

קן ". רייכלין 8, מלכים ב׳ יט - ג.

באַרשטן -- טרוו. [דו באַרשטסט, ער באַרשט,

מיר באַרשטן, איר באַרשט], פֿאַר געבאַרשט/געבאַרשטן.

1. פוצן מיט א באַרשט/ בערשטל. % מלבושים דארף

מען אפט באַרשטן, ס׳זאל ניט אנקלייבן זיך קיין

שטויב. ער באַרשט די שיך מיט שווארצן שוואקס.

1894 " דער וואס איז איין קאניצע [=קאוואלעריע] איז

דאך לבד וואס ער דארף ריין מאכן די זאכן [...]

האט ער נאך צו טאן ארום דעם פערד [...], דארף אים

פירן טרינקען און [...] פוצן און באַרשטן ".

ה. אלטשולער [...], קלוג אונד גוט, ווארשע.

1960 " קעמט ניט און באַרשט ניט קיין פעלצווארג. עס

איז גענוג צו געבן גוטן א שאקל אויף ". מ. ראוז,

פאר, 16 / XI.

2. ( ) קעמען, צעקעמען די האר.

1939 " [...] האט זיך גאר גענומען ארומרייניקן [...]

געבאַרשט מיט די פינגער די שווארצע טשופרינע ".

ש. פערסאוו, אויצרעס, מאסקווע, ז׳ 8.

3. רייניקן פלאקס, וואל אע, ארבעטן מיט א מכשיר

( מאשין ) אין דער פארעם פון א באַרשט. % די

שפינעריגס באַרשטן דעם לײַן. ווען די וועבערס

האבן געבאַרשטן די וואל, איז געווארן א גרויסער

שטויב.

267 באר -

ס בורשטן / בערשטן

.2 ←--------

1676 " און' ווען זי | די פארצייטישע פרויען | זיך האבן וועלין בורשטן אודער לוזן דא האבן זי זיך פר שלאסן [...] און' קיין יונגן דרינן גילושן דער בר מצוה איז גיוועזין ". ברנט שפיגל, פפדם, פרק יד.

1763 " זיין פרויא און זיין טאכטר ווארן אונטר דער טיר זיצן בלייבן. זי בערשטטן איר האר ". יעקב בר' יצחק סג"ל [...], קהלת יעקב, פראג, דף פג,ד.

[illegible]

ב א ר ש ט ש -- בארשט. ←------

ב א ר ש ט ש י נ ע -- די, בא. (רוסיצ) דער סאציאלער מצב פון די פויערים אין דער פעאדאלער תקופה, ~~אוך זיי דרינען~~ [אין רוסלאַנד, ווי זיינען [illegible] צו [illegible] פון פריץ] געוועזן געצוואונגען צו ארבעטן אויפן פריץ. ס'די באַרשטשינע אין רוסלאַנד איז [illegible] אין יאָר 1861.

[illegible]

2. געוויסע שטייערן אין נאטור, וואס דער פויער האט ~~באצאל~~ געדארפט אפגעבן דעם פריץ. % די פויערים [illegible] קלאגן זיך, אז די בארשטשינע, ~~איז צו שווער פאר זיי~~.

באַרשן -- טרוו. (אַטש) טרייבערז, מנקר זיין.

א. שולמאַן, שפת יהודית =אשכנזית וספרותה, ז' 76....|..

ם [1685?] " אך מיט דעך באַרשן וואול אכטונג גיבט דאש קיין חלב דראן בלייבט ". עפש, דרך הישר לעולם הבא, פפד"מ, [חמה ?] לד -2.

.. " מן געהערט דש פלייש פאר צו באַרשן דיא אודרן אונ' דש חלב אראב נעמן ". דזוו, סו - 2.

באַרשקע -- די =עס. (לאַקל, טרישיק, שידלעווע, ליטע ;) [קלאַפּערן = L: barškėti]

" א נוס, אין וועלכן דער יאדער אינעווייניק איז לויז און מע הערט ווי ער קלאַפּט." דאָס איז א באַרשקע = נוס [קסוו].

באַרשקענען -- אוטוו, אומפ, פאַר געבאַרשקעט (לאַקל, זאמעט און ליטע) 1. "קלינגען מיט א הייזעריקן קלאַנג - וועגן איינגעשפּאָלטענעם (באַזונדערס ליימענעם) טאָפּ; גרימפּלען" [קסוו].

2. "קלאַפּן (וועגן א ניט צוגעבונדענער זאך אין א וואגן)" [קסוו].